ומשמע שאין בהן ממש . כגון שאזרוק צרור לים : מרבוי הכתוב . לכל אשר יבטא האדם . ופלוגתא דר"ע ור' ישמעאל דר"ע דריש בכל התורה רבויי ומעוטי ור' ישמעאל דריש כללי ופרטי ר"ע דריש או נפש כי תשבע ריבה להרע או להטיב מיעט . לכל אשר יבטא . חזר וריבה. ריבה ומיעט וריבה . ריבה . כל מאי ריבה . ריבה כל מילי דשעבר כלהבא ומאי מיעט מיעט דבר מצוה . ור' ישמעאל דריש או נפש כי תשבע כלל להרע או להטיב פרט לכל אשר יבטא חזר וכלל כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט מה הפרט מפורש להבא אף כל להבא והלכה כר"ע .

שאין בהן ממש . כיצד אמר שבועה שאתן לאיש פלוני . ושלא אתן . שנתתי . ושלא נתתי . שאישן . ושלא אישן . שישנתי . ושלא ישנתי . שאזרוק צרור לים . ושלא אזרוק . שזרקתי . ושלא זרקתי . רבי ישמעאל אומר אינו חייב אלא על העתיד לבא . שנאמר (ויקרא ה) להרע או להטיב . אמר לו רבי עקיבא א"כ אין לי אלא דברים שיש בהן הרעה והטבה . דברים שאין בהן הרעה והטבה מנין . אמר לו מרבוי הכתוב . אמר לו אם ריבה הכתוב לכך .

מען קען זיא ניט האלטין אין האנט . אונ אויף אזעלכע זאכין וואס ער האט ניט קיין הנאה . דארף מען אליץ ברייננען אקרבן שבועה (כיצד) וויא מיינט מען (אמר שבועה שאתן לאיש פלוני) ער זאגט איך שווער איך זאל געבין דיא זאך צוא יענעם מענטש (ושלא אתן) אדער ער זאגט איך שווער איך זאל ניט געבין דיא זאך צו יענעם (שנתתי) אדער ער זאגט איך שווער איך האב גיגעבין דיא זאך צוא יענעם (ושלא נתתי) אדער ער זאגט איך שווער איך האב ניט גיגעבין דיא זאך צו יענעם (שאישן) ער זאגט איך שווער איך וועל שלאפין (ושלא אישן) אדער ער זאגט איך שווער איך וועל ניט שלאפין (שישנתי) איך שווער איך בין גישלאפין (ושלא ישנתי) אדער ער זאגט איך שווער איך בין ניט גישלאפין (שאזרוק צרור לים) איך שווער איך וועל ארייןווארפין אבייטיל געלט אין ים (ושלא אזרוק) אדער ער זאגט איך שווער איך וועל ניט אריין ווארפין דיא בייטיל געלט אין ים (שזרקתי) איך שווער איך האב אריין גיווארפין אבייטיל געלט אין ים (ושלא זרקתי) אדער ער זאגט איך שווער איך האב ניט אריין גיווארפין דעם בייטיל געלט אין ים . אונ ער האט ניט גיטאהן וויא ער האט גישווארין . דארף ער ברייננען אקרבן . רבי ישמעאל זאגט (אינו חייב אלא על העתיד לבא) מען דארף אנדערש ניט ברייננען אקרבן . נאר אז ער האט גישווארין אויף אזאך וואס וועט זיין אונ ער האט ניט מקיים גיווען דיא שבועה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (להרע או להיטיב) שלעכטס צו טאן אדר גוטס צו טאן. שמועכט דאך דר פסוק ער שווערט ער זאל טאהן . ניט אויף דיא זאך וואס ער האט גיטאהן (אמר לו רבי עקיבא) האט רבי עקיבא גיזאגט צוא רבי ישמעאל (אם כן) אויב אזוי . אז דוא לערונסט נאר וויא עס שטייט אין פסוק (אין לי אלא דברים שיש בהן הרעה והטבה) קען מען דאך ניט מעהר וויסען נאר אז ער האט גישווארין אויף אזעלכע זאכין וואס זענען שלעכטס צוא טאהן אדער גוטס צוא טאהן . דארף מען ברייננען אקרבן . אבער אז ער האט גישווארין (דברים שאין בהן הרעה והטבה מנין) אויף אזעלכע זאכין וואס זייא זענען ניט צוא שלעכטס אונ ניט צוא גוטס . פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף ברייננען אקרבן (אמר לו) האט רבי ישמעאל גיזאגט צוא רבי עקיבא (מרבוי הכתוב) פון דעם וואס דער פסוק האט גימערט אונ האט גישטעלט "לכל אשר יבטא האדם" צוא אליץ וואס דער מענטש וועט רידין מיט אשבועה אונ וועט ניט מקיים זיין זאל ער ברייננען אקרבן ווייסין מיר אז אפילו דיא שבועה איז ניט צוא שלעכטס אונ ניט צו גוטס דארף מען אויך ברייננען אקרבן (אמר לו) הט רבי עקיבא גזאגט צו

ריבה הכתוב לכך: ן נשבע לבטל את המצוה. ולא ביטל פטור. לקיים ולא קיים פטור. שהיה בדין שיהא חייב כדברי ר' יהודה בן בתירא. א"ר יהודה בן בתירא מה אם הרשות שאינו מושבע עליה מהר סיני. הרי הוא חייב עליה. מצוה שהוא מושבע עליה מהר סיני אינו דין שיהא חייב עליה. אמרו לו לא. אם אמרת בשבועת הרשות שכן עשה בה לאו כהן. תאמר בשבועת מצוה שלא עשה בה לאו כהן. שאם נשבע

ן נשבע לבטל את המצוה פטור. משום שבועת בטוי אבל לוקה הוא משום שבועת שוא: שהיה בדין שיהיה חייב. כדברי ר' יהודה בן בתירא. כלומר שאילו לדברי ר' יהודה בן בתירא הוא חייב משום שבועת בטוי שהיה ר"י בן בתירא אומר מה אם הרשות וכו': שלא עשה בה לאו כהן. וקרא כתיב להרע או להטיב דמשמע דבר שיש בו

---

רבי שמעאל (אם ריבה הכתוב לכך) אויב דער פסוק האט גימערט אויף דיא ווערטער "להרע או להטיב" צו די זאך. צו זאגין אז אפילו ניט להרע און ניט להטיב. דארף מען אויך ברייננען אקרבן (ריבה הכתוב לכך) האט דער פסוק גימערט צוא דיא זאך אויך. אז ניט צוא דיא זאך וואס וועט זיין. נאר אפילו ער האט גישווארין אויף אזאך וואס איז גיוועז דארף ער אויך ברייננען אקרבן: ו (נשבע לבטל את המצוה) ער האט גישווארין ער זאל מבטל זיין אמצוה. ער זאל ניט טאהן דיא מצוה. (למשל ער זאל ניט לייגין תפילין) (ולא ביטל) און ער האט ניט מבטל גיוועז דיא מצוה. ער האט גילייגט תפילין (פטור) דארף ער ניט ברייננען אקרבן אויף דיא שבועה (לקיים) אדער ער האט גישווארין ער זאל טאהן אמצוה (ולא קיים) און ער האט ניט מקיים גיוועז. ער האט ניט גיטאהן דיא מצוה (פטור) דארף ער אויך ניט ברייננען אקרבן אויף דיא שבועה (שהיה בדין שיהא חייב) ווארום דער דין וואלט בדארפט זיין ער זאל יא ברייננען אקרבן (כדברי רבי יהודה בן בתירא) אזוי וויא רבי יהודה בן בתירא זאגט (אמר רבי יהודה בן בתירא) רבי יהודה בן בתירא האט גיזאגט (מה אם שבועת הרשות) אויב ער שווערט אויף זיין אייגענע אזאך וואס עס גיהער צוא אים (שאינו מושבע עליה מהר סיני) וואס ער איז ניט בשווארין אויף דיא זאך פון בארג סיני. דהיינו ער שווערט ער זאל עסין. עס איז ניט אמצוה אז ער וועט עסין. פון דעסטוועגין אז ער איז ניט מקיים דיא שבועה (הרי הוא חייב עליה) דארף ער ברייננען אקרבן (מצוה שהוא מושבע עליה מהר סיני) אמצוה צוא טאהן וואס ער איז בשווארין אויף איר פון בארג סיני. און ער האט אויך גישווארין ער זאל טאהן דיא מצוה. און ער האט ניט גטאהן (אינו דין שיהא חייב עליה) דארף דען ניט זיין דער דין אז ער זאל דארפין ברייננען אקרבן אויף דיא שבועה (אמרו לו) האבין דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (לא) ניין. מען דארף ניט ברייננען אקרבן אויף דיא שבועה (אם אמרת בשבועת הרשות) אויב ער שווערט אויף זיינע אזאך זאגסטו אז ער דארף ברייננען אקרבן (שכן עשה בה לאו כהן) ווייל דער ביא איז גלייך ניין וויא יא. ואז ער שווערט ער זאל עסין. און עסט ניט. דארף ער ברייננען אקרבן. און אז ער שווערט ער זאל ניט עסין. און עסט יא. דארף ער אויך ברייננען אקרבן. אזוי וויא אין פסוק שטייט "להרע" ער האט גישווארין ער זאל שלעכטס טאהן. און האט ניט גיטאהן אדער "להטיב". ער האט גישווארין ער זאל גוטס טאהן און האט ניט גיטאהן (תאמר בשבועת מצוה) ווילסטו זאגין ביא אשבועה אז ער האט גישווארין ער זאל טאהן אמצוה. און ער האט ניט גיטאהן. זאל ער אויך דארפין ברייננען אקרבן (שלא עשה בה לאו כהן) וואס דער ביא איז ניט

הן ולאו ואין הלכה כר״י ב״ב: ז שבועה אוכלנה. אע״ג דשבועה שלא אוכלנה כוללת
שלא אוכל ככר זו שבועה שלא אוכלנה. שמעינן דאין שבועה חלה על שבועה תנא לן
טעמא דא״כ שלא אוכל והדר אמר שלא שבועה שלישית לאשמועינן דה וכא הוא דליכא
אוכלנה הוא דאינו חייב אלא אחת שאין השבועות בתרייתא הא שבועות הן ולא יכול

שבועה חלה על שבועה אבל אמר תחלה שלא אוכלנה והדר אמר שלא אוכל ואכלה כלה חייב שתים דכי אמר שלא אוכלנה אינו חייב עד שיאכל כלה וכי הדר אמר שלא אוכל כיון שאכל ממנה כזית חייב הלכך השבועה שאחרונה חיילא מחייב כי אכיל מינה כזית.

נשבע לבטל ולא ביטל פטור: ז שבועה שלא אוכל ככר זו. שבועה שלא אוכלנה. שבועה שלא אוכלנה. ואכלה אינו חייב אלא אחת. זו היא שבועה בטוי. שחייבין על זדונה מכות. ועל שגגתה קרבן עולה ויורד. שבועת שוא חייבין על זדונה מכות. ועל שגגתה פטור: ח איזו היא שבועת שוא נשבע לשנות את הידוע לאדם. אמר על העמוד של אבן שהוא של זהב. ועל האיש שהוא אשה. ועל

לבטלה ואם ימצאו מקום יחולו שאם נשאל לחכם על הראשונה. עולה שניה תחתיה ונאסר בדבר משום שבועה שניה וכן אם נשאל על השתים חלה השלישית לפי שהחכם עוקר הנדר מעיקרא והוי כאילו שלא נדר וחלה השניה למפרע שהרי הראשונה כמי

וכי הדר אכל כלה מחייב משום שבועה שאינה הואיל ונשאל עליה וכן כשנשאל על הראשונה: שבועה שלא אוכלנה שבועה שלא השתים הרי כאלו אינם וחל השלישית למפרע:

---

גלייך גיין וויא יא (שאם נשבע לבטל ולא ביטל פטור) אויב ער האט געשוואָרין ער זאָל ניט טאהן דיא מצוה. אונ ער האט יא געטאהן. דאַרף ער דאך ניט ברענגען אקרבן אויף דיא שבועה. אַזוי אַז ער האט געשוואָרין ער זאָל טאהן דיא מצוה. אונ האט ניט געטאהן. דאַרף ער אויך ניט ברענגען אקרבן אויף דיא שבועה: ז (שבועה שלא אוכל ככר זו) אַז ער זאָגט איך שווער איך זאָל ניט עסין דעם ברויט (שבועה שלא אוכלנה) איך שווער איך זאָל איר ניט עסין (שבועה שלא אוכלנה) איך שווער איך זאָל איר ניט עסין. אונ נאָך דיא דרייא שבועות (ואוכלה) האט ער געגעסין דעם ברויט (אינו חייב אלא אחת) דאַרף ער נאָר ברענגען איין קרבן (זו היא שבועת בטוי) דאס הייסט אשבועה פון רעדין (שחייבין על זדונה מכות) אויב ער האט במזיד ניט געהאַלטין דיא שבועה קומט אים מלקות (ועל שגגתה) אונ אויב בשוגג אומגערין. ער האט פאַרגעסין) האט ער ניט געהאַלטין דיא שבועה (קרבן עולה ויורד) דאַרף מען ברענגען אקרבן. אַרייכער ברענגט אהויבין קרבן (אבהמה) אונ אַאָרעם מאַן ברענגט אַנידערינגען קרבן (טויבין אָדער מעהל) (שבועת שוא) אַאומזיסטע שבועה (עתי״ט אבות פ״ד מ״ז) (חייבין על זדונה מכות) אויף במזיד קומט אים מלקות (ועל שגגתה פטור) אונ אויף בשוגג איז מען פטור פון מלקות אונ פון אקרבן: ח (איזו היא שבועת שוא) וואס הייסט אַאומזיסטע שבועה ער שווערט אומזיסט. זיין שבועה וועט ניט אָנגענומען ווערין. מען וועט ניט גלויבין זיין שבועה. אַזוי וויא אייגער זאָגט צום אַנדערין. עס איז אומזיסט וואס דוא רעדסט. דייגע רייד ווערין ניט אָנגענומען. אַזוי ווערט זיין שבועה אויך ניט אָנגענומען (נשבע לשנות את הידוע לאדם) ער האט געשוואָרין צוא ענדערין דיא זאך וואס אַלע מענטשין ווייסין אַז עס איז ניט אַזוי (אמר על העמוד של אבן שהוא של זהב) ער האט געשוואָרין אויף אַשטיינערנעם זייל אַז דאס איז גאָלד (ועל האיש שהוא אשה) ער האט געשוואָרין אויף אַזכר אַז דאס איז אַנקבה (ועל האשה שהוא איש) ער האט געשוואָרין

האשה שהיא איש. נשבע על דבר שאי אפשר. *)לא ראיתי גמל שפורח באויר. ואם לא ראיתי נחש כקורת בית הבד. אמר לעדים בואו והעידוני. שבועה שלא נעידך. נשבע לבטל את המצוה. שלא לעשות סוכה. ושלא ליטול לולב. ושלא להניח תפלין. זו היא שבועת שוא שחייבין על זדונה מכות. ועל שגגתה פטור: ט שבועה שאוכל ככר זו שבועה שלא אכלנה. הראשונה שבועת בטוי. והשניה שבועת שוא. אכלה עבר על שבועת שוא. לא אכלה עבר על שבועת בטוי:

ח אם לא ראיתי גמל פורח באויר. כלומר יאסרו כל פירות שבעולם עלי אם לא ראיתי וכו'. נחש בקורת בית הבד. כתבנית קורת בית הבד ואורכה. דאילו כשוני קורת בית הבד. לא הוי שבועת שוא. דאיכא טובא: שבועה שלא נעידך. בטול מצוה היא דהא חייב להעיד שנאמר (ויקרא ה) אם לא יגיד ונשא עונו: ט אכלה עבר על שבועת שוא. הכי קאמר אכלה עבר על שבועת שוא לחודה. לא אכלה עבר אף אשבועת בטוי דמכי נשבע שאוכל ככר זו חייב לאוכלה וכי חזר ונשבע שלא יאכלנה. הרי נשבע לבטל את המצוה. ולוקה משום שבועת שוא בין יאכל בין לא יאכל. ואי לא אכיל לה חייב שתים. משום שבועת שוא ואף משום שבועת בטוי:

באנשים שבועת

*) אם

אויף אנקבה אז דאס איז אזכר (נשבע על דבר שאי אפשר) אדער ער האט געשוואוירן אויף אזאך וואס קען ניט זיין (אם לא ראיתי גמל שפורח באויר) איך שווער עס זאל אויף מיר אסור זיין אלע פירות פון דער וועלט אויב איך האב ניט געזעהן אקעמיל איז געפלויגן אין דער לופטן (ואם לא ראיתי נחש כקורת בית הבד) איך שווער עס זאל אויף מיר אסור זיין אלע פירות פון דער וועלט אויב איך האב ניט געזעהן אשלאנג וואס ער זעהט אויס וויא אבעלעק וואס מען פרעסט מיט אים איילבירטען (אמר לעדים בואו והעידוני) ער זאגט צוא עדות קומט זאגט עדות פון מיינעט וועגין (שבועה שלא נעידך) האבין דיא עדות געזאגט מיר שווערין אז מיר וועלין ניט עדות זאגין פון דיינעטוועגין (נשבע לבטל את המצוה) אויב ער שווערט ער זאל ניט טאהן אמצוה (שלא לעשות סוכה) ער זאל ניט מאכין אסוכה (ושלא ליטול לולב) ער זאל ניט נעמען סוכות אלולב מיט אאתרוג (ושלא להניח תפלין) ער זאל ניט לייגין תפלין (זו היא שבועת שוא) דאס איז אאומזיסטע שבועה. ווארום ער מוז מקיים זיין דיא מצות. אונ מוז עדות זאגין. אונ אויף דיא ליגענס וואס ער זאגט. וועט מען דאך אים געוויס ניט גלויבין. איז דאך אומזיסט וואס ער שווערט (שחייבין על זדונה מכות) אויב ער שווערט במזיד קומט אים ניין אונ דרייסיג מלקות (ועל שגגתה פטור) אונ אויב ער שווערט בשוגג קומט אים ניט מלקות אונ דארף ניט ברייגנען קיין קרבן: ט (שבועה שאוכל ככר זו שבועה שלא אוכלנה) אויב ער זאגט איך שווער איך זאל עסין דעם ברויט. איך שווער א ך זאל איר ניט עסין (הראשונה שבועת בטוי) דיא ערשטע שבועה איז אשבועה פון רעדין. ער האט גירעט אונ געשוואוירן ער זאל עסין דעם ברויט. איז שוין אמצוה ער זאל מקיים זיין דיא שבועה (והשניה שבועת שוא) אונ דיא אנדערע שבועה וואס ער האט געשוואוירן ער זאל ניט עסין דעם ברויט. איז אאומזיסטע שבועה. ווארום ער מוז דאך דעם ברויט עסין (אכלה) אויב ער האט גיגעסין דעם ברויט (עבר על שבועת שוא) האט ער עובר גיוועןאויף דיא אומזיסטע שבועה (לא אכלה) אויב ער האט ניט גיגעסין דעם ברויט (עבר על שבועת בטוי) האט ער עובר גיוועןאויף דיא ערשטע שבועה וואס ער האט ארויס גירעט אונ אויף דיא

**י** באנשים ובנשים. איידי דבעי למתני שבועת העדות נוהגת באנשים ולא בנשים קמ"ל דהא בשבועת בטוי שנוהגת בכל אלו: ברחוקים ובקרובים. כגון שאתן לפלוני בין רחוק בין קרוב: בכשרים ובפסולים. בכשר לעדות ופסול: מפי עצמו. שהוציא הוא שבועה מפיו אבל אם השביעוהו אחרים אכלת ולא אכלת. ואמר לא אכלתי. ואכל. הוי ספק. פטור אם לא ענה אמן. ואם ענה אמן אחר שהשביעו הברו הוי כנשבע מפי עצמו וחייב: **יא** שבועת שוא ברחוקים ובקרובים. נשבע על איש שהוא אשה בין רחוק בין קרוב: אחת זו ואחת זו. אחת שבועת שוא אחת שבועת ביטוי מושבע מפי אחרים חייב בדעני אמן:

**י** שבועת בטוי. נוהג באנשים ובנשים ברחקים ובקרובים. בכשרים. ובפסולין. בפני ב"ד ושלא בפני ב"ד. מפי עצמו. וחייבין על זדונה מכות. ועל שגגתה קרבן עולה ויורד:

**יא** שבועת שוא. נוהגת באנשים. ובנשים. ברחוקים ובקרובים. בכשרי'. ובפסולים. בפני בית דין. ושלא בפני ב"ד. ומפי עצמו. וחייבין על זדונה מכות. ועל שגגתה פטורין. אחת זו ואחת זו המושבע מפי אחרים חייב. כיצד (אמר) לא אכלתי היום ולא הנחתי תפילין היום משביעך. אני ואמר אמן. חייב:

שבועת

---

אנדערע שבועה קומט אים מלקות. עיין בהרע"ב ותי"ט: י (שבועת בטוי) אז מען רעט ארוים א שבועה (נוהג באנשים ובנשים) סיי א זכר און סיי א נקבה (בקרובים וברחוקים) סיי ער שווערט צו זיינעם א קרוב ער זאל אים עפעס געבין. און סיי ער שווערט צוא א זעלכין וואס ער איז ניט זיין קרוב ער זאל אים עפעס געבין (בכשרים ובפסולין) סיי ער איז כשר צוא זיין א עדות. און סיי ער איז פסול צו זיין א עדות (בפני בית דין) סיי ער שווערט פאר בית דין (ושלא בפני בית דין) און סיי ער שווערט ניט פאר בית דין (מפי עצמו) אויב ער אליין האט גישווארין. און מען האט ניט מקיים גיווען דיא שבועה (וחייבין על זדונה מכות) אויב מען האט במזיד עובר גיווען אויף דיא שבועה קומט מלקות (ועל שגגתה קרבן עולה ויורד) און אויב מען האט בשוגג עובר גיווען דיא שבועה. דארף מען ברייגגען א קרבן עולה ויורד ועיין משנה ז: יא (שבועת שוא) א אויסגערעדטע ש נעה (נוהגת באנשים ובנשים) סיי א זכר און סיי א נקבה (ברחוקים ובקרובים) סיי ער שווערט צו זיינעם א קרוב און סיי ער שווערט צוא א זעלכין וואס איז ניט קיין קרוב (בכשרים ובפסולים) סיי ער איז כשר צוא עדות סיי ער איז פסול צוא עדות (בפני בית דין ושלא בפני בית דין) סיי ער שווערט פאר בית דין און סיי ער שווערט ניט פאר בית דין (ומפי עצמו) אויב ער אליין האט גישווארין (וחייבין על זדונה מכות) אויב מען האט במזיד עובר גיווען די שבועה קומט מלקות (ועל שגגתה פטורין) און אויב מען האט בשוגג עובר גיווען דיא שבועה. קומט ניט קיין מלקות און מען דארף ניט ברייגגען קיין קרבן (אחת זו ואחת זו) סיי שבועת בטוי און סיי שבועת שוא (המושבע מפי אחרים) אויב אנדערע האבין אים בשווארין. און עס איז ניט גיווען וויא מען האט אים בשווארין (חייב) קומט אים אויך מלקות אדער א קרבן (כיצד) וויא אזוי האט מען אים בשווארין (אמר לא אכלתי היום ולא הנחתי תפילין היום) אויב ראובן זאגט צוא שמעון איך האב היינט ניט גיגעסין. איך האב היינט ניט גילייגט תפילין. זאגט שמעון צו ראובן (משביעך אני) איך בשווער דיך אויב עס איז אמת וויא דוא זאגסט (ואמר אמן) און ראובן האט גיזאגט אמן. און עס איז ליגען (חייב) קומט אים מלקות אדער א קרבן:

פרק ד **שבועת** העדות נוהגת באנשים. ולא בנשים. ברחוקין. ולא בקרובין. בכשרים. ולא בפסולין. ואינה נוהגת אלא בראוין להעיד. בפני ב"ד ושלא בפני בית דין. מפי עצמו. ומפי אחרים אין חייבין. עד שיכפרו בהן בב"ד. דר"מ. וחכמים אומרים בין מפי עצמו ובין מפי אחרים אינן חייבין עד שיכפרו בהן בבית דין: **ב** וחייבין על זדון

פרק ד **שבועת** העדות נוהגת באנשים ולא בנשים. דכתיב (ויקרא ה) והוא עד. בראוי להעיד הכתוב מדבר והאשה אינה ראויה להעיד דכתיב (דברים יט) ועמדו שני האנשים אנשים ולא נשים. והאי קרא בעדים הוא דכתיב. נאמר כאן שנים ונאמר להלן שנים ע"פ שני עדים (שם יז): ולא בקרובים. דפסולי עדות נינהו דכתיב (שם כד) לא יומתו אבות על בנים. בעדות בנים. וה"ה לשאר קרובים: ולא בפסולים. כגון חייבי מיתות וחייבי מלקיות וגזלן. דאיקרו רשעים והתורה אמרה אל תשת רשע עד: ואינה נוהגת אלא בראוין להעיד. לאפוקי מלך שאינו מעיד. והפסולים לעדות מדרבנן כגון משחקים בקוביא ומפריחי יונים: בפני ב"ד ושלא בפני ב"ד מפי עצמו. אם מפי עצמו נשבע שבועה שאיני יודע לך עדות חייב. בין נשבע בפני ב"ד בין שלא בפני ב"ד: ומפי אחרים. כגון משביע אני עליכם שתבואו ותעידוני ואמרו לו אין אנו יודעים לך עדות: אינם חייבין עד שיכפרו בב"ד. דכתיב (ויקרא ה) אם לא יגיד ונשא עונו במקום שאילו היה מגיד היה מועיל. וקרא במושבע מפי אחרים כתיב. ואין הלכה כר"מ: **ב** חייבין. קרבן עולה ויורד על זדון השבועה

---

פרק ד א (שבועת העדות) דיא שבועה וואס מען בשווערט דיא עדות. זייא זאלין זאגין וואס זיי ווייסין. אונ אויב זייא זאגין ניט זענען זייא חייב. נוהגת באנשים) דאס איז נאר ביי זכרים (ולא בנשים) אבער ניט ביי ווייבער (ברחוקין) ביי ווייטע וואס זענען ניט זייגע פריינד (ולא בקרובין) אבער ניט ביי נאנטע וואס זענען זייגע פריינד (בכשרים) ביי פרומע (ולא בפסולין) אבער ניט ביי רשעים (ואינה נוהגת אלא בראוין להעיד) אונ דיא שבועה איז נאר אויף אזעלכע מענטשין וואס זייערע עדות זאגין ווערט אן גינומען ביים בית דין. אבער אויף אמלך. אדער אזעלכע וואס שפילען אין קארטין. אז מען בשווערט זייא. זייא זאלין עדות זאגין. אונ זייא זאגין ניט. זענען זייא ניט חייב. ווייל זייערע עדות זאגין העלפט ניט (בפני בית דין ושלא בפני בית דין מפי עצמו) אויב דיא עדות אליין זאגין מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט וואס עדות צוא זאגין. סיי זייא שווערין פאר בית דין אונ סיי זייא שווערין ניט פאר בית דין. אונ אין אמת ווייסין זייא עדות צו זאגין. זענען זייא חייב (ומפי אחרים) אבער אז איין אנדערער בשווערט זייא. זייא זאלין עדות זאגין. אונ זייא זאגין מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין (אין חייבין עד שיכפרו בהן בבית דין) זענען דיא עדות אנדערש ניט חייב סיידין זייא לייקענען פאר בית דין. אונ זאגין פאר בית דין מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין. אונ אין אמת ווייסין זייא יא. זענען זייא חייב (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (בין מפי עצמו) סיי דיא עדות אליין שווערין (ובין מפי אחרים) אונ סיי אנדערע בשווערין. זיי (אינן חייבין עד שיכפרו בהן בבית דין) זענען זייא אנדערש ניט חייב סיידין זייא זאלין לייקענען פאר בית דין: ב (וחייבין על זדון השבועה) אויב זייא ווייסין אז זייא ווייסין עדות צו זאגין. אונ זייא ווייסין אז מען טאר ניט שווערין פאלש. אונ זייא ווייסין אז זייא וועלין דארפין ברייגגע אקרבן. אויף דיא אלע זאכין זענען זייא גיווען במזיד. פון דעסטוועגין דארפין זיי

דהרי לא נאמר בה ונעלם: ועל שגגתה עם זדון העדות. שיודעים שהשבועה זו אסורה אבל אין יודעים שחייבים עליה קרבן: ואין חייבין על שגגתה. אם שוגגים הם לגמרי בה ודים שאין יודעין לו עדות ואח"כ נזכרו. שהרי הן אנוסים ולא קרינן בהו ונשבע על שקר: ג ובאו לבית דין והודו פטורים. ואפילו כפרו חוץ לבית דין על כל שבועה שאין כפירה חוץ לבית דין חשובה כפירה: כפרו בב"ד חייבין על כל אחת

השבועה ועל שגגתה עם זדון העדות. ואינן חייבין על שגגתה. ומה הן חייבין על זדון השבועה. קרבן עולה ויורד: ג שבועת העדות כיצד. אמר לשנים בואו והעידוני. שבועה שאין אנו יודעין לך עדות. משביע אני עליכם. ואמרו אמן. הרי אלו חייבין. השביע עליהן חמשה פעמים חוץ לבית דין ובאו לבית דין והודו פטורים. כפרו. חייבים על כל אחת ואחת. השביע עליהן חמשה פעמים בפני בית דין וכפרו. אינן חייבין אלא אחת. אמר ר' שמעון

בריינגען אקרבן (ועל שגגתה. עם זדון העדות) און אויב זייא האבן ניט געוואוסט אז זייא ווערן דארפן בריינגען אקרבן. נאר זייא האבן געוואוסט אז זייא ווייסען. עדות צוא זאגין. און האבן געוואוסט אז פאלש שווערין טאר מען ניט. זענען זיי אויך חייב (ואינן חייבין על שגגתה) אבער אז זייא האבן געמיינט זייא ווייסן ניט. עדות צו זאגין. דריבער האבן זייא געשווארין. און דער נאך האבן זייא זיך דער מאנט אז זייא ווייסן יא. עדות צוא זאגין. זענען זייא ניט חייב (עתי"ט (ומה הן חייבין על זדונה) וואס זענען זייא חייב אויב זייא האבן געשווארין במזיד (קרבן עולה ויורד) אקרבן בהמה בריינגען זייא אויב זייא זענען רייך. און אויב זייא זענען ארעם בריינגען זייא טויבין אדער מעהל: ג (שבועת העדות כיצד) וויא איז דיא שבועה פון עדות (אמר לשנים בואו והעידוני) ראובן האט געזאגט צו צווייא מענטשין קומט זאגט. עדות פון מיינעט וועגין. האבן זייא געענטפערט (שבועה שאין אנו יודעים לך. עדות) מיר שווערין אז מיר ווייסן ניט וואס. עדות צו זאגין פון דיינעטוועגין או שאמרו לו אין אנו יודעין לך. עדות) אדער זייא האבן ניט געשווארין. נאר אן אשבועה האבן זייא געזאגט צו אים מיר ווייסן ניט וואס. עדות צו זאגין פון דיינעט וועגין האט ראובן צוא זייא געזאגט (משביע אני עליכם) איך בשווער אייך אויב עס איז אמת אז איר ווייסט ניט וואס. עדות צו זאגין (ואמרו אמן) האבן זייא געזאגט אמן. און אין אמת ווייסן זיי. עדות צוא זאגין (הרי אלו חייבין) דארפן זייא בריינגען אקרבן (השביע עליהן חמשה פעמים חוץ לבית דין) אויב ער האט זייא בשווארין אויסער בית דין פינף מאהל און זיי האבן געלייקנט. ער האט זייא איין מאהל בשווארין און זייא האבן געלייקנט. האט ער זייא נאך אמאהל בשווארין און האבן געלייקנט. און אזוי ביז פינף מאהל (אדער מעהר) (ובאו לבית דין והודו) און זייא זענען געקומען צוא בית דין און האבן מודה געווען אז זייא ווייסן. עדות צו זאגין (פטורין) זענען זייא פטור פון אקרבן (כפרו) אויב זייא האבן געלייקנט בייא בית דין. אפילו ער האט זייא בשווארין פינף מאהל איינס נאך דאס אנדערע און זיי האבן געשוויגען. און נאך דיא אלע שבועות זענען זייא געקומען צוא בית דין און האבן געלייקנט (חייבין על כל אחת ואחת) דארפן זייא בריינגען אקרבן אויף יעדער שבועה בזונדער (השביע עליהן חמשה פעמים בפני בית דין וכפרו) אויב ער האט זייא בשווארין פינף מאל איינס. נאך דאס אנדערע פאר בית דין און זייא האבן געשוויגען. און נאך דיא לעצטע שבועה האבן זייא געלייקנט (אינן חייבין אלא אחת) דארפן זייא נאר בריינגען איין קרבן (אמר רבי שמעון מה טעם) האט רבי שמעון געזאגט פאר וואס זאלן זייא נאר בריינגען איין

מה טעם. הואיל ואינם יכולין לחזור ולהודות: ד כפרו שניהן כאחת. שניהן חייבין. בזה אחר זה. הראשון חייב. והשני פטור. כפר אחד. והודה אחד. הכופר חייב. היו שני כתי עדים. בפרה הראשונה. ואחר כך כפרה

ואחת. דאמר קרא (ויקרא ה) והיה כי יאשם לאחת מאלה לחייב על כל אחת ואחת: מה טעם. אין חייבי' אלא אחת אפי' שתקו וכפרו לבסוף. ולא אמרינן כפירה קיימא אכולהו לחייבם על כל אחת ואחת: הואיל. ואילו כפרו בב"ד בפעם ראשונה שוב לא היו יכולין לחזור ולהודות. שכבר הגידו שאינם יודעים לו שום עדות. ושוב אין חוזרים ומגידים. הלכך אע"ג דלא כפרו אלא לבסוף כל השבועו' היו לבטלה. חוץ מן הראשונה. דאם מה ששתקו בראשונה כפירה היא. שוב אינם ראויים להשביען. ואם אינה כפיר' הרי מושבעין ועומדין. ומה זו שבועה על שבועה. על כרחך כי כתיב לאחת לחייב על כל אחת ואחת. בשבועה חוץ לב"ד וכפרו בב"ד דשבועה חוץ לב"ד שהיה משביען שילכו לב"ד ויעידו ולא ילכו לבטלה. וראויות ליחלק שאם כפרו גם בראשונה הם ראוי לחזור ולהשביען: ד כפרו שניהם כאחת. בתוך כדי דבור: בזה אחר זה. שהיה בין זה לזה יותר מכדי דבור: הראשון חייב. אבל השני פטור. שכיון

---

קרבן אויף דיא אלע שבועות (הואיל ואינן יכולין לחזור ולהודות) ווייל אז זייא וואלטין נאך דיא ערשטע שבועה גילייקנט פאר בית דין אז זייא ווי סין ניט קיין עדות. וואלטין זייא שוין ניט גיקענט זאגין אז זייא ווייסין יא עדות צוא זאגין. אז מיר ווערין זאגין וואס זייא האבין געשוויגען נאך דיא ערשטע שבועה. איז גלייך וויא זייא וואלטין גילייקנט. טאמין זייא דאך שוין ניט עדות זאגין. צו וואס בשווערט ער זייא נאך אמאהל. אז זיי. ווערין אפילו מודה זיין וועט איהך בית דין ניט אן נעמען זייערע עדות. דריבער איז דיא אנדערע שבועה גאר ניט. אונ אויב דאס שווייגין הייסט ניט גילייקנט. ער האט זייא דאך שוין איין מאהל בשווארין. קען ניט קומען דער איסור פון איין שבועה אויף אפריערדיגע שבועה וואס זייא זענען שוין בשווארין גיווארין. בלייבט גאר דער איסור פון דיא ערשטע שבועה. דארפין זייא גאר ברייניגען איין מאהל א קרבן אבער אז ער האט זייא בשווארין אויסער בית דין עט יבע מאהל. איז יעדער שבועה אבזונדער זאך. ווארום אפילו זייא לייקענען נאך דיא ערשטע שבועה פון דעסטוועגין קענען זייא קומען צו בית דין עדות זאגין. אונ אזוי נאך יעדער שבועה בזונדער. דריבער הט מען זייא גידארפט בשווערין עטליכע מאהל. אונ אז נאך דיא לעצטע ש' נעה האבין זייא גילייקנט פאר בית דין. דארפין זייא ברייניגען א קרבן אויף יעדער שבועה בזונדער: ד (כפרו שניהם כאחד) אויב ביידע עדות האבין גילייקנט מיט איין מאהל. זייא האבין ביידע גלייך ארויס גירעט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין (שניהם חייבין) דארפין ביידע עדות ברייניגען קרבנות (בזה אחר זה) אויב פריער האט איינער גילייקנט דער נאך דער אנדערער (הראשון חייב) דער ערשטער עדות דארף ברייניגען א קרבן (והשני פטור) אונ דער אנדערער עדות דארף ניט ברייניגען קיין קרבן. ווארום זיין עדות זאגין וואלט דאך שוין ניט גיהאלפין. ער איז דאך גאר געבליבען איין עדות. האט ער דאך ניט גיטאן קיין שאדין דער מיט וואס ער האט גילייקנט (כפר אחד והודה אחד) אויב פריער האט איינער גילייקנט. דער נאך האט דער אנדערער מודה גיוועזן (הכופר חייב) דער וואס האט גילייקנט דארף ברייניגען א קרבן עתי"ט ות"י (היו שתי כיתי עדים) אויב ער האט בשווארין צוויי פאר עדות (כפרה הראשונה) אונ דיא ערשטע פאר עדות וואט אז גילייקנט (ואחר כך כפרה השניה) דער נאך האט דיא אנדערע פאר עדות אויך גילייקנט

השנייה שתיה' חייבות. מפני שהעדות יכולה להתקיים בשתיהן: ה משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני ש"ש לי ביד פלוני פקדון. ותשומת יד. וגזל. ואבידה. שבועה שאין אנו יודעין לך עדות. אין חייבין אלא אחת.

שכיון שכפרה הראשונה שוב אין השניה ראויה להעיד. השתא יחידי: שתיהן חייבות. בגמ' פריך לראשונה אמאי חייבת הא קיימא כת שניה. ומה הפסידו הראשונים בכפירתם. ומשני דמתני' איירי כגון שהיו העדים של כת שניה קרובי' בנשותיהן שלא היו כשרי' להעיד כשכפרה כת ראשונה ונשותיהן גוססות. מהו דתימא כיון דקיי"ל רוב גוססות למיתה הוו להו כאילו מתו ונפטר כת ראשונה דהא קיימא שניה. קמ"ל השתא מיהא לא שכיב. ונמלא שלא היה שם בשעת כפירה אלא כת ראשונה בלבד ולפיכך חייבין: ה תשומת יד הלואה שהיה בידו ממון: ואבדה. שמלא

(שתיהן חייבות) דארפין ביידע פאר עדות ברייננען קרבנות (מפני שהעדות יכולה להתקיים בשתיהן) וויל די עדות קען גוט זיין פון ביידע פאר. די עדות פון יעדער פאר בזונדער וואלט דאך גוט געוועזן. האט דאך יעדער פאר בזונדער אים שאדין געטאהן דער מיט וואס זייא האבין געלייקענט. דיא גמרא פרעגט דיא ערשטע פאר עדות ראובן אונ שמעון ווען זייא האבין געלייקענט זייערע עדות. האבין זייא דאך ניט געטאהן קיין שאדין צו דעם ווס מאנט. אדער צו דעם וואס מען מאנט ביי אים: ווארום זייא קענען זאגין עס זענען דאך דא נאך א פאר עדות ולוי אונ יהודה וואס זייא וועלין זאגין. ענטפערט די גמרא. די משנה שמועסט אז דיא אלע פיר עדות ווען זייא האבין דיא זאך געזעהן. זענען זייא אלע כשר געוועזן צוא זיין עדות. דער נאך האט לוי אונ יהודה גינומען ווייבער וואס זענען געוועזן קרובים פון דעם וואס מאנט אדער פון דעם וואס מען מאנט ביי אים. קענען זיי שוין ניט זיין קיין עדות. אונ אז ראובן אונ שמעון האבין געלייקענט זייערע עדות האבין זייא טאקי געטאהן א שאדין צו דעם וואס מאנט. אדער צוא דעם וואס מען מאנט ביי אים: ווארום קיין אנדערע עדות איז דאך ניטא וואס זאלין קענען עדות זאגין. אונ דא שמועסט אז דיא ווייבער פון לוי אונ יהודה זענען געוועזן גוסס צום שטארבין ווען זייא האבין געלייקענט. וואלטין מיר וועלין מיינען עס איז גלייך וויא זייא זענען שוין געשטארבין. מעג דאך שוין לוי אונ יהודה אויך עדות זאגין. האבין דאך שוין ראובן אונ שמעון ניט געטאהן קיין שאדין דער מיט וואס זייא האבען פאר לייקענט זייערע עדות. זאגט אונז דיא משנה אז אגוסס הייסט נאך אלעבעדיגער איז לוי אונ יהודה נאך פסול צוא דיא עדות. האט דאך ראובן אונ שמעון געטאהן אשאדין צוא דעם וואס מאנט אדער צוא דעם וואס מען מאנט בייא אים: דער מיט וואס זייא האבין פאר לייקענט דיא עדות זייערע. דריבער דארפין זייא ברייננען אקרבן. דער נאך זענען דיא ווייבער פון לוי אונ יהודה געשטארבין. מעג שוין לוי אונ יהודה אויך עדות זאגין. אז זייא האבין איצט פאר לייקענט זייערע עדות דארפין זייא אויך ברייננען אקרבן: ה (משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני) ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך בשווער אייך אויב איר וועט ניט קומען עדות זאגן (שיש לי ביד פלוני פקדון) אז איך האב געגעבין צוא יענעם מענטש אזאך ער זאל זיא בהאלטין (ותשומת יד) אונ איך האב אים געבארגט געלט (וגזל) אונ ער האט בייא מיר גיגזלת (ואבדה) אונ איך האב פאר לארין אונ ער האט גיפונען. האבין זייא געענפערט (שבועה שאין אנו יודעין לך עדות) מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין אויף דיא אלע זאבין וואס דוא האסט אונז גיפרעגט. אונ זייא ווייסין יא

שבועה שאין אנו יודעין. שיש לך ביד פלוני. פקדון. ותשומת יד. וגזל. ואבדה. חייבין על כל אחת ואחת. משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני שיש לי ביד פלוני פקדון חטין ושעורין וכוסמין. שבועה שאין אנו יודעין לך עדות. אין חייבין אלא אחת. שבועה שאין אנו יודעין לך עדות שיש לך ביד פלוני חטין ושעורין וכוסמין. חייבין על כל אחת ואחת: ך משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני שיש לי ביד פלוני נזק וחצי נזק תשלומי כפל. תשלומי ארבעה וחמשה. ושאנס איש פלוני את בתי ופיתה את בתי. ושהכני בני ושחבל

אבדתי: חטין ושעורין וכוסמין. רישא אשמועינן מין אחד ותביעות חלוקות וסיפא אשמועינן תביעה אחת כולם פקדון. ומינים חלוקים: ך נזק וחצי נזק. בחצי נזק לרורות דממונא הוא ולא קנסא. דאמרינן בעדות של קנס אין חייבין: תשלומי כפל תשלומי ד' וה'. משום קנסא: שאנס איש פלוני ופיתה
ת

דיא אלע זאכין (אין חייבין אלא אחת) דארפין זייא נאר ברייגגען איין קרבן (עתי"ט ותי"ו. אבער אז זייא האבין אים גיענפערט (שבועה שאין אנו יודעין שיש לך ביד פלוני פקדון ותשומת יד וגזל ואבדה) מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט אויב דוא האסט בייא דיין חבר אבהאלטענע זאך אונ אחוב אונ אגזלה אונ אאבדה וואס ער האט גיפונען. אונ זייא ווייסין יא דיא אלע זאכין (חייבין על כל אחת ואחת) דארפין זייא ברייגגען אקרבן אויף יעדער זאך בזונדער (משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני שיש לי ביד פלוני פקדון חטין ושעורין וכוסמין) אויב ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך בשווער אויף אייך אויב איר וועט ניט קומען עדות זאגין אז איך האב בייא מיין חבר גיגעבין בהאלטין ווייץ אונ גערשטין אונ כוסמין. אונ זיי ענפערין (שבועה שאין אנו יודעין לך עדות) מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין אויף דיא אלע זאכין וואס דוא האסט אונז גיפרעגט. אונ זייא ווייסין יא דיא אלע זאכין (אינן חייבין אלא אחת) דארפין זייא נאר ברייגגען איין קרבן. אבער אז זייא האבין גיענפערט (שבועה שאין אנו יודעין לך עדות שיש לך ביד פלוני חטין ושעורין וכוסמין) מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט אויב דוא האסט בייא דיין חבר ווייץ אונ גערשטין אונ כוסמין (חייבין על כל אחת ואחת) דארפין זייא ברייגגען אקרבן אויף יעדער זאך בזונדער: ו (משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני) אויב ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך בשווער אויף אייך אויב איר וועט ניט קומען עדות זאגין (שיש לי ביד פלוני נזק) אז מיין חבר דארף מיר בצאהלין פאר אשאדין וואס זיין בהמה האט מיר גיטאהן (וחצי נזק) אהאלבין שאדין. מיין חברס בהמה איז גיגאנגען האט אשפריץ גיטאהן אשטיין פון אונטער אירע פיס אונ דער שטיין האט צוא בראכין אכלי. קומט מיר צוא בצאהלין אהאלבין שאדין (תשלומי כפל) מיין חבר דארף בצאהלין טאפיל וויא ער האט גיגנבת בייא מיר (ותשלומי ארבעה וחמשה) אז ער דארף מיר בצאהלין פיר שעפסין ווייל ער האט בייא מיר גיגנבת אשעפס אונ האט אים גישאכטין אדער פאר קויפט. ער דארף בצאהלין פינף אקסין ווייל מיין חבר האט גיגנבת בייא מיר אאקס אונ האט אים גישאכטין אדער פאר קויפט (ושאנס איש פלוני את בתי) יענער מענטש האט גינייט מיין טאכטער אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן (ופיתה את בתי) ער האט איבער גירעט מיין טאכטער אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן (ושהכני בני) מיין זוהן האט מיך גישלאגין (ושחבל בי חבירי) מיין חבר האט מיך

ושחבל בי חברי. ושהדליק את גדישי ביום הכפורים. הרי אלו חייבין: ז משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני שאני כהן. שאני לוי. שאיני בן גרושה. שאיני בן חלוצה. שאיש פלוני כהן. שאיש פלוני לוי. שאינו בן גרושה. שאינו בן חלוצה. שאנס איש פלוני את בתו. ופתה את בתו. ושחבל בי בני. ושחבל בי חבירי. ושהדליק גדישי בשבת. הרי אלו פטורין:

משביע

את בתי. מפוס בשת ופגם דממונא הוא: בתו של אותו פלוני דאיירי ביה עד השתא: ושהכני בני. שהאב שאין בה חבורה שאינו חייב עליה מיתה. וכיון דליכא מיתה איכא ממון: ושחבל בי חברי ביה״כ. ונקט לה דאע״ג דענוש כרת חייב ממון: ז שאני כהן. פטורין. שאין העדים חייבין אלא בכפרו בדבר שיש בו תביעת ממון: שאנס איש פלוני או פיתה בתו של פלוני. וכתו דקתני אתיא פלוני כהן דלעיל קאי (דתנא לעיל מיניה שאיש פלוני כהן או לוי ואינו בן גרושה ועליה קאי) או שהשביען שאנס איש פלוני את

פטורים. דבעינן שישמעו מפי התובע. ובגמרא מוקי לה בבא בהרשאה. ואי תביעת ממון אתר כוי היו חייבים ואשמועינן דאין נכתב המורשה בשל דין בזה כשאר ממון דכיון דממון שהוא מוחל לא מטיא לידיה מעולם לא מצי למכתב הרשאה על ה: ושחבל בי בני. תבלה. הוא חבורה: פטורין שאם העידוהו היה מתחייב מיתה. ולא ממון: ושחבל בי חברי ושהדליק את גדישי בשבת. דתרוייהו חיוב מיתה ככהו ופטורים מן הממון

גיבײלט אום יום כפור (ושהדליק את גדישי) ער האט אנגיצונדן מײן שײער אונ האט אים פאר ברענט (ביום הכפורים) אום יום כפור. אז ראובן האט בשװארן די עדות זײא זאלן קומען עדות זאגן אויף אײנע פון די זאכן. אונ זײא האבן גילײקנט אז זײא װײסן ניט עדות צוא זאגן. אונ זײא װײסן יא (הרי אלו חייבין) דארפן זײא ברײנגען א קרבן: ז (משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני) איך בשװער אויף אײך אויב איר װעט ניט קומען עדות זאגן (שאני כהן) אז איך בין א כהן (שאני לוי) אז איך בין א לוי (שאיני בן גרושה) אז איך בין ניט א זוהן פון א אשה װאס איז גיגט גיװארן אונ גינומען גיװארן צוא מײן פאטער װאס ער איז א כהן (שאיני בן חלוצה) אז איך בין ניט א זוהן פון א אשה װאס האט גינומען ליצה אונ גינומען גיװארן צוא מײן פאטער װאס ער איז א כהן (שאיש פלוני כהן) אז יענער מענטש איז א כהן (שאיש פלוני לוי) אז יענער מענטש איז א לוי (שאינו בן גרושה) אז ער איז ניט א זוהן פון א אשה װאס איז גיגט גיװארן אונ גינומען גיװארן צוא זײן פאטער װאס ער איז א כהן (שאינו בן חלוצה) אז ער איז ניט א זוהן פון א אשה װאס האט גינומען חליצה אונ גינומען גיװארן צוא זײן פאטער װאס ער איז א כהן (שאנס איש פלוני את בתו) אז יענער (יהודה) האט גינייט די טאכטער פון זבולן אונ האט מיט איר מזנה גיװען (ופיתה את בתו) יהודה האט איבערגירעט די טאכטער פון זבולן אונ האט מיט איר מזנה גיװען (ושחבל בי בני) מײן זוהן האט מיך גיבײלט. קומט אים מיתה (ושחבל בי חברי ושהדליק גדישי בשבת) מײן חבר האט מיך גיבײלט אונ אן גיצונדען מײן שײער אום שבת. קומט אים מיתה. אויב ראובן האט בשװארן די עדות זײא זאלן קומען עדות זאגן אויף אײנע פון די זאכן. אונ זײא האבן גילײקנט אז זײא װײסן ניט עדות צוא זאגן. אונ זײא װײסן יא (הרי אלו פטורין) דארפן זײא ניט ברײנגען קײן קרבן װארום עדות דארפן נאר ברײנגען א קרבן אויב זײא מאכן שאדין געלט מיט דעם װאס זײא זאגן ניט עדות. אונ נאר אז די

ח משביע אני עליכם. אם לא תבואו ותעידוני שאמר איש פלוני ליתן לי מאתים זוז. ולא נתן לי. הרי אלו פטרים. שאין חייבין אלא על תביעת ממון כפקדון: ט משביע אני עליכם כשתדעון לי עדות שתבואו ותעידוני. הרי אלו פטורים. מפני שקדמה שבוע׳ לעדות: י עמד בבהכ״נ ואמר משביע

אני

הממון: ח שאמר איש פלוני ליתן לי וכו׳ פטורים. דכתיב בשבועת העדות תחטא וכתיב בשבועת הפקדון תחטא. מה שבועת הפקדון על תביעת ממון שיש לו על חברו. אף שבועת העדות צריך שתהיה על תביעת ממון שיש לו עליו. וזה כטוען שאמר איש פלוני ליתן לי מאתים זוז אינה תביעת ממון שיש לו על חברו שאפילו הוא כדבריו שאמר לו חברו שיתן לו מאתים זוז אין חברו חייב לו כלום בשביל אמירה זו: ט מפני שקדמה שבועה לעדות. ורחמנא אמר (ויקרא ה) ושמעה קול אלה והוא עד או ראה או ידע שקדמה העדות לשבועה ולא שקדמה שבועה לעדות: י אם יודעים אתם לי עדות וכו׳

עדות זאגין געהער צוא דעם וואס באשווערט זייא. אבער אז איינער באשווערט דיא עדות פאר איין אנדער מענטש ניט פאר זיך. אדער זייא מאכין ניט שאדין געלט. דארפין זייא ניט בריינגען אקרבן: ח (משביע אני עליכם אם לא תבואו ותעידוני) אויב ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך באשווער אויף אייך אויב איר וועט ניט קומען עדות זאגין (שאמר איש פלוני ליתן לי מאתים זוז ולא נתן לי) אז יענער מענטש האט גיזאגט ער וועט מיר געבין צווייא הונדערט גילדין אונ ער האט מיר ניט געגעבין. אונ זייא האבין גיענטפערט מיר ווייסין ניט. אונ עס איז ליגען. זייא ווייסין יא (הרי אלו פטורים) דארפין זייא ניט בריינגען קיין קרבן (שאין חייבין אלא על תביעת ממון כפקדון) דיא עדות וועגען אנדערש ניט חייב אקרבן סיידין ער מאנט ביא זיין חבר אזעלכע געלט וואס עס קומט אים אזוי ריכטיג וויא ער וואלט אים גיגעבין בהאלטין. וואס בית דין קענען גיטין זיין חבר ער זאל בצאהלין. אבער אז זיין חבר האט אים צוא גיזאגט ער וועט אים שיינקען געלט. אונ ער שיינקט אים ניט. דאס קען מען גאר ניט אפ נעמען דורך בית דין ווערין בהרע״ב ותי״ט ות״י: ט (משביע אני עליכם כשתדעו לי עדות שתבואו ותעידוני) אויב ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך באשווער אויף אייך אז איר וועט וויסען עדות צו זאגין פון מיינעטוועגין. זאלט איר קומען זאגין. אונ זייא האבין אנגינומען דיא שבועה. דער נאך האבין זייא טאקי גיזעהן פון זיינעטוועגין עדות צוא זאגין. האט ער זייא גימאנט זייא זאלין קומען עדות זאגין. האבין זייא גיזאגט מיר ווייסין ניט. אונ זייא ווייסין יא (הרי אלו פטורים) דארפין זייא ניט בריינגען קיין קרבן (מפני שקדמה שבועה לעדות) ווייל דיא שבועה איז גיוועזן איידער זייא האבין גיזעהן דיא עדות. אונ אין די תורה שטייט ושמעה קול אלה והוא עד. ער הערט איצט דיא שבועה. אונ ער איז שוין אעדות פון פריער. אבער דא איז ער נאך גאר קיין עדות ניט גיוועזן ווען ער האט גיהערט דיא שבועה. דריבער איז מען פטור פון אקרבן: י (עמד בבית הכנסת) ראובן האט זיך גישטעלט אין שוהל (ואמר משביע אני עליכם שאם אתם יודעין לי עדות שתבואו ותעידוני) אונ הט גיזאגט איך באשווער אויף אייך ווער פון אייך עס ווייס פון מיינעטוועגין עדות צוא זאגין זאלין זייא קומען עדות זאגין. אונ אלע האבין גיזאגט זייא ווייסין ניט עדות צוא זאגין. אונ צווייא פון זייא ווייסין יא (הרי אלו פטורים) דארפין זייא ניט בריינגען קיין קרבן (עד שיהיה מתכוין להם) סיידין ער

זאל

אני עליכם שאם אתם יודעים לי עדות. שתבואו ותעידוני הרי אלו פטורין. (עד שיהיה מתכוין להם): **יא** אמר לשנים משביע אני עליכם איש פלוני ופלוני שאם אתם יודעין לי עדות שתבאו ותעידוני. שבועה שאין אנו יודעין לך עדות. והם יודעין לו עדות. עד מפי עד. או שהיה אחד מהן קרוב או פס ל. הרי אלו פטורין: **יב** שילח ביד עבדו. או שאמר להן הנתבע. משביע אני עליכם שאם אתם יודעין לו עדות. שתבואו ותעידוהו. הרי אלו פטורין. עד שישמעו מפי התובע: **יג** משביע אני עליכם. מצוה אני עליכם. אוסרכם אני. הרי אלו חייבין. בשמים ובארץ. הרי אלו פטורין. באל"ף

פטורין. דכת ב וסוא עד עד שייחד את עדיו: **יא** והם יודעים לו עדות עד מפי עד וכו' פטורים. שאם שעידוהו לא היתה עדותן מועלת לו כלום: **יב** עד שישמעו מפי התובע. דכתיב (שם) אם לוא יגיד מלא בוי"ו ואל"ף למדרש הכי. אם לו לא יגיד כלומר לתובע ושא עוט. הא אם לאחר לא יגיד. פטור: **יג** מצוה אני עליכם וכו'. וסוא שיאמר מלוס אני עליכם בשבועה: אוסרכם אני. בשבועה:

זאל ווישען ווער דיא עדות זענען. אונ זאל זייא אליין בשווערן: יא (אמר לשנים) ראובן האט גיזאגט צוא צווייא מענטשין (משביע אני עליכם איש פלוני ופלוני שאם אתם יודעין לי עדות שתבואו ותעידוני) איך בשווער אויף אייך יענער אונ יענער ושמואל אונ משה אויב איר ווייסט פון סיינעטוועגין עדות צוא זאגין זאלט איר קומען עדות זאגין. האבין זייא אים גיענפערט (שבועה שאין אנו יודעין לך עדות) מיר שווערין אז מיר ווייסין ניט פון דיינעטוועגין עדות צוא זאגין (והם יודעין לו עדות עד מפי עד) אונ זייא ווייסין עדות צוא זאגין. נאר זייא אליין האבין ניט גיזעהן. נאר זייא האבין גיהערט פון אנדערע מענטשין. אז זייא וואלטין אפילו זאגין דיא עדות. וואלט בית דין דאס ניט אנגינומען (או שהיה אחד מהן קרוב או פסול) אדער זייא האבין טאקי אליין גיזעהן דיא עדות. נאר איינער פון זייא איז אקרוב צוא ראובן. אדער ער טאר ניט זיין קיין עדות. אפילו זייא וואלטין עדות זאגין וואלט בית דין ניט אנגינומען זייערע עדות (הרי אלו פטורין) דארפין זייא ניט ברייגגען קיין קרבן: יב (שילח ביד עבדו) אויב ראובן מאנט געלט בייא שמעון אונ ראובן האט געשיקט דורך זיין קנעכט ער זאל בשווערין דיא עדות (או שאמר להן הנתבע) אדער שמעון וואס מען מאנט בייא אים האט גיזאגט צוא דיא עדות (משביע אני עליכם שאם אתם יודעין לו עדות שתבואו ותעידוהו) איך בשווער אויף אייך אויב איר ווייסט עדות צוא זאגין פאר ראובן. זאלט איר קומען עדות זאגין פון זיינעט וועגין. אונ זייא האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צוא זאגין. אונ זייא ווייסין יא (הרי אלו פטורין) דארפין זייא ניט ברייגגען קיין קרבן (עד שישמעו מפי התובע) סיידין זייא זאלין הערין דיא שבועה פון דעם וואס מאנט: יג (משביע אני עליכם) אויב ראובן זאגט צוא צווייא מענטשין איך בשווער אויף אייך איר זאלט קומען עדות זאגין. אדער ער זאגט (מצוה אני עליכם) איך געבעט אויף אייך מיט אשבועה איר זאלט קומען עדות זאגין. אדער ער זאגט (אוסרכם אני) איך אסר אויף אייך מיט אשבועה איר זאלט קומען עדות זאגין. אונ זייא האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט עדות צו זאגין. אונ זיי ווייסין יא (הרי אלו חייבין) דארפין זיי ברייגגען אקרבן (בשמים ובארץ) אויב ראובן האט גיזאגט צוא עדות איך בשווער אייך מיט הימל אונ ערד אז איר זאלט קומען עדות זאגין. אונ זייא האבין גיזאגט מיר ווייסין ניט קיין עדות. אונ זייא ווייסין יא (הרי אלו פטורין) דארפין זייא ניט ברייגגען קיין קרבן. ובייא הימל אונ ערד איז ניט קיין שבועה

באל"ף דל"ת. ביו"ד ה"י. בשדי. בצבאות. בחנון ורחום. בארך אפים ורב חסד. ובכל הכנויין. הרי אלו חייבין. המקלל בכולן חייב. דברי ר"מ. וחכמים פוטרין. המקלל אביו ואמו בכולן חייב. דברי ר"מ. וחכמים פוטרין. המקלל עצמו וחברו. בכולן. עובר בלא תעשה. יככה אלהים. וכן יככה אלהים. זו היא אלה הכתובה. בתורה. אל יככך. ויברכך. וייטב לך.

המקלל בכלם. מקלל את השם באחד מהם: ר"מ מחייב. סקילה: וחכמים פוטרין. דעל שם המיוחד דוקא בסקילה. דכתיב (ויקרא כד) בנקבו שם יומת ועל הכנויי' באזהרת דאלהים לא תקלל (שמות כב) ובשבועות העדות מודים חכמים לר"מ דחייב על הכנויי' כמו שחייב על השם המיוחד. דבשבועות [העדות] כתיב (ויקרא ה) ושמעה קול אלה: המקלל עצמו. דכתיב (דברים ד) השמר לך ושמור נפשך מאד. וכל השמר פן ואל אינו אלא ל"ת: והמקלל חברו. דכתיב (ויקרא יט) לא תקלל חרש אפילו חרש שאינו שומע ולא קפיד אקללתו לא תקלל. וכ"ש שאר כל אדם דשמע וקפיד: יככה אלהים. וכן יככה אלהים. אם אמר לעדי' יככה אלהי' אם לא תעידוני. או ששמע שקורא אלה שבתורה יככה אלהים. ואמר הוא לעדים וכן יככה אלהים אם לא תעידוני. או שאמר אל יככה אלהים אם תעידוני או יברכך ה' אם תעידוני. וייטב לך אלהים אם תעידוני. בכל אלו ר"מ

---

לי שכרי שיש לי בידך. הוא אומר נתתי והלה אומר לא נטלתי. ה א נשבע ונוטל. ר' יהודה אומר עד שתהא שם מקצת הודאה. כיצד. אמר לו תן לי שכרי חמשים דינר שיש לי בידך. והוא אומר התקבלת דינר זהב: ב הנגזל כיצד. היו מעידין אותו שנכנס לביתו למשכנו שלא ברשות. הוא אומר כלי נטלת. והוא אומר לא נטלתי. הרי זה) נשבע ונוטל. רבי יהודה אומר עד שתהא שם מקצת הודאה. כיצד. א"ל שני כלים נטלת. והוא אומר לא נטלתי אלא אחד: ג הנחבל כיצד. היו מעידים אותו

---

שיש לי בידך) גיב מיר מיין ארבעט געלט וואס איך האב ביא דיר (הוא אומר נתתי) דער בעל הבית זאגט איך האב דיר געגעבין (והלה אומר לא נטלתי) אונ דער פועל זאגט איך האב ניט גינומען (הרי זה נשבע ונוטל) זאל דער פועל שווערין אונ נעמען (עיין בהרע"ב). רבי יהודה זאגט (עד שתהא שם מקצת הודאה) מען זאל אביסול מודה זיין (כיצד) וויא מיינט מען (אמר לו תן לי שכרי חמשים דינר שיש לי בידך) דער פועל זאגט צום בעל הבית גיב מיר מיין ארבעט געלט פופציג גילדין וואס מיר קומט ביא דיר (והוא אומר התקבלת דינר זהב) אונ דער בעל הבית זאגט צום פועל דוא האסט שוין אפ גינומען ארענדיל. פינף אונ צוואנציג גילדין. דארף דער פועל שווערין אונ נעמען פון בעל הבית דיא גאנצע פופציג גילדין: ב (הנגזל כיצד) וויא מיינט מען ער איז גיגזלת גיווארין (היו מעידין אותו שנכנס לביתו למשכנו שלא ברשות) צווייא מענטשין זאגין עדות אויף ראובן אז זייא האבין גיהערט וויא ער זאגט ער גייט אריין צוא שמעון אין שטוב נעמען ביא אים א משכון פאר זיין חוב. נאר ביא בית דין האט ער ניט גיפרעגט אויב ער זאל נעמען א משכון. אונ דיא עדות האבין גיזעהן וויא ראובן איז אריין גיגאנגען צוא שמעון אין שטוב ליידיג. אונ ער איז ארויס גיגאנגען אונ האט גיטראגין כלים בעהאלטין אונטער זיין קלייד (הוא אומר) שמעון זאגט (כלי נטלת) דוא האסט גינומען מיינע כלים (והוא אומר) אונ ראובן זאגט (לא נטלתי) איך האב ניט גינומען קיין כלי ביא דיר (הרי זה נשבע ונוטל) זאל שמעון שווערין אונ נעמען (עיין כל זה בתפארת ישראל). רבי יהודה זאגט (עד שתהא שם מקצת הודאה) מען זאל אביסול מודה זיין (כיצד) וויא מיינט מען (אמר לו) שמעון זאגט צוא ראובן (שני כלים נטלת) דוא האסט גינומען צווייא כלים (והוא אומר) אונ ראובן זאגט (לא נטלתי אלא אחד) איך האב נאר גינומען איין כלי. דארף שמעון שווערין אונ נעמען ביידע כלים: ג (הנחבל כיצד) וויא מיינט מען ער איז גיביילט גיווארין (היו מעידין אותו שנכנס תחת ידו שלם) צווייא מענטשין זאגין עדות אז ראובן איז אריין גיגאנגען צוא שמעון אין שטוב אדער אין

כמימים לישבע וליטול. אלא ישבע הנתבע. איכא למימר. כי אישתבע. בקושטא אישתבע.
ויפטר: ג הרי זה נשבע ונוטל. ודוקא שבדעתו היה לקיימו. ואע״פ שכפתו ילמוד
שהחבלה במקום שאפשר שחבל בעצמו. משום ועבר עליה אינו חשוד בכך על השבועה.
הכי צריך שבועה. אבל במקום שאינו יכול אבל ביטוי דלשעבר אכלתי ולא אכלתי דמי
לשבועת שוא. שהרי

שנכנס תחת ידו שלם. ויצא חבול. ואמר לו חבלת בי. והוא אומר לא חבלתי. הרי זה נשבע ונוטל. ר״י אומר עד שתהא שם מקצת הודאה. כיצד. א״ל חבלת בי שתים. והלה אומר לא חבלתי בך אלא אחת: ד ושכנגדו חשוד על השבועה. כיצד. אחת שבועת העדות. ואחת שבועת הפקדון. ואפי׳ שבועת שוא. היה אחד מהן משחק בקוביא. ומלוה בריבית. ומפריחי יונים. וסוחרי שביעית. שכנגדו

לחבול בעצמו. והיכר שאחרים עשו לו כגון שאלתה לו שהיכה בגבו. ואין שם אחר שיוכל לומר שמא אחר עשה. נוטל בלא שבועה: ד ואפ׳ שבועת שוא. לא מביעיא שבועת עדות ושבועת הפקדון. דאית בהו כפירת ממון דהוי רע לשמים ולבריות אלא אפילו

סוליא שבועת שקר מפיו: היה אחד מהן משחק בקוביא. תנא פסולא דאורייתא וקתני פסולא דרבנן: כפריחי יונים. אית דמפרשי אם הקדים יונתך ליונתי אתן לך כך וכך והייט שחוק ואית דמפרשי שמגדל יונה מלומדת להביא יונים

שבועת שוא. דאינו אלא רע לשמים שהנגדו לבית בעלים. ויש כהן גזל מפני דרכי שלום:
נשבע ונוטל. ושבועה בטוי לא קתני. וסוחרי שביעית. עושים סחורה מפירות
דשבועת בטוי דלהבא כגון אוכל ולא אוכל. שביעית. וסחורה אסורה לאכלה ולא לסחורה:

---

הויף גאנץ אן אבייל (ויצא חבול) אונ ראובן איז ארויס געגאנגען פון שמעון געבייליט (ואמר לו) אונ ראובן זאגט צוא שמעון (חבלת בי) דוא האסט מיך געבייליט (והוא אומר לא חבלתי) אונ שמעון זאגט איך האב דיך ניט געבייליט (הרי זה נשבע ונוטל) זאל ראובן שווערן אז שמעון האט אם געבייליט. מח שמעון אים בצאהלין ואזוי וויא עס שטייט אין ב״ק פ׳ החובל. רבי יהודה זאגט (עד שתהא שם מקצת הודאה) מעל זאל אביסול מודה זיין (כיצד) וויא מיינט מען (אמר לו) ראובן זאגט צוא שמעון (חבלת בי שתים) דוא האסט מיך געבייליט צוויא בייל'ן (והלה אומר) אונ שמעון זאגט (לא חבלתי בך אלא אחת) איך האב דיך נאר געבייליט איין בייל. שווערט ראובן אונ נעמט פאר צוויא בייל'ן: ד (ושכנגדו חשוד על השבועה כיצד) וויא מיינט מען דער וואס אנטקעגין אים וואס מען מאנט ביא אים טאר ניט שווערן (אחת שבועת העדות) סייא ער האט עובר געוועז אויף דיא שבועה פון עדות מען האט אים אמאהל בשווארין ער זאל עדות זאגין. אונ ער האט געוואסט דיא עדות. אונ ער האט ניט געוואלט זאגין (ואחת שבועת הפקדון) ער האט אמאהל געשווארין אז לוי האט אים גאר ניט געגעבין צום בעהאלטין. אונ עס איז געוועזן ליגען. לוי האט אים יא געגעבין צוא בעהאלטין (ואפילו שבועת שוא) אפילו ער האט געשווארין אאומזיסטע שבועה. איז ער שוין חשוד צו שווערין פאלש. ניט אים בית דין גיט קיין שבועת נאר דער וואס מאנט שווערט אונ נעמט (היה אחד מהן משחק בקוביא) אויב דער וואס מען מאנט ביי אים שפילט אין קארטין. אונ ער האט ניט קיין אנדער פרנסה (ומלוה בריבית) אדער ער פר בארגט געלט אויף פראצענט (ומפריחי יונים) אדער ער מאכט פליהען טויבין. דאס איז אויך אזוי אשפיל. ווען עס טויב עס וועט פריער פליהען (סנהדרין פ״ג מ״ט וסוחרי שביעית) ער האנדילט מיט פירות וואס געוואקסט דעם יאהר פון שמטה (שכנגדו

נשבע ונוטל. היו שניהן חשודין. חזרה השבועה למקומה. דברי ר׳ יוסי. ר״מ א׳ יחלוקו: **ה** והחנוני על פנקסו. כיצד. לא שיאמר לו כתוב על פנקסי. שאתה חייב לי מאתים זוז. אלא אומר לו תן לבני סאתים חטין. תן לפועלי בסלע מעות. הוא אומר נתתי. והן אומרים לא נטלנו. (שניהם נשבעין). הוא נשבע ונוטל. והן נשבעין ונוטלין. אמר בן ננס כיצד. אלו (באין לידי שבועת שוא) ואלו באין לידי שבועת שוא. אלא הוא נוטל שלא בשבועה

חזרה שבועה למקומה. אית דמפרשי בגמ׳ חזרה לה כו׳. לשבועת הר סיני שהשביע הקב״ה את ישראל לא תגזול והוא יפרע מן השופר ממון לחברו. אבל ב״ד אין נזקקין לא לשבועה ולא לפרעון. ואית דמפרשי חוזרת שבועה למחוייב לה על זה שהודה במקצת וכיון שא״י יכול לשבע שהרי חשודות ישלם: **ה** [שניהן נשבעין ונוטלין. מבעל הבית. דא״ל חנוני פועלי׳ לא מהימנו לי בשבועה] את האמנתני. דלא אמרת לי בהדי הב להו. וכן פועלים אמרי ליה חנוני לא מהימן לן בשבועה. והשתא נשבעין ונוטלים מבעל הבית נשבעי׳ זה בפני זה כי היכי דניכסוף חנוני מפועלים. או פועלים מחנוני: אלו ואלו באין לידי שבועת ש״א. שהרי על כרחך אחד מהן נשבע לשוא ונמצא שם שמים מתחלל. אלא

נשבע ונוטל) דער וואס מאנט. שווערט אונ נעמט (היו שניהן חשודין) אויב זייא זענען ביידע פסול (חזרה שבועה למקומה) גייט דיא שבועה צוריק צוא איר ארט. אנדערע זאגין מען מיינט דיא שבועה גייט צוריק צום בארג סיני. ניט דער שווערט אונ ניט דער שווערט. אונ ניט מען בצאהלט. נאר גאט וועט שוין אפ גיצאהלט ווערין פון דעם וואס וויל גזלנן. אונ אנדערע זאגין צוא איר ארט מיינט מען. די שבועת גייט צוריק צוא דעם וואס מען מאנט ביא אים. אונ ווייל ער טאר ניט שווערין מוז ער בצאהלין (דברי רבי יוסי) אזוי זאגט רבי יוסי. רבי מאיר זאגט (יחלוקו) זייא זאלין צוא טיילין דאס געלט. ער זאל נאר בצאהלין העלפט אונ די אנדערע העלפט זאל דער אנדערער שאדין האבין: ה (והחנוני על פנקסו כיצד) וויא מיינט מען דער קרעמער אויף זיין בוך (לא שיאמר לו כתוב על פנקסי שאתה חייב לי מאתים זוז) ניט מען מיינט אז ראובן (דער קרעמער) זאגט צוא שמעון. עס איז פאר שריבען ביא מיר אין בוך אז דו ביסט מיר שולדיג צוויי הונדערט גילדין. דארף שמעון בצאהלין (אלא) נאר אזוי מיינט מען (אומר לו תן לבני סאתים חטין) שמעון האט גיזאגט צוא ראובן גיב מיין זוהן צוויי סאה ווייץ. אדער ער האט גיזאגט (תן לפועלי בסלע מעות) גיב מיינע ארבעטער פאר א טאלער קליין געלט (הוא אומר נתתי) ראובן זאגט איך האב גיגעבין דיינע ארבעטער דיא קליין געלט וואס דוא האסט גיהייסען געבין (והן אומרים לא נטלנו) אונ דיא ארבעטער זאגין מיר האבין ניט גינומען. ער האט אונז ניט גיגעבין (הוא נשבע ונוטל) דער קרעמער שווערט אז ער האט גיגעבין אונ נעמט אפ דעם טאלער פון שמעון (והן נשבעין ונוטלין) אונ זייא שווערין אז זייא האבען ניט גינומען אונ נעמען אויך אפ דעם טאלער פון שמעון (עיין ת״ו) (אמר בן ננס) האט בן ננס גיזאגט (כיצד אלו ואלו באין לידי שבועת שוא) וויא אזוי זאלין ביידע (דער קרעמער מיט די פועלים) שווערין. איינר פון זייא שווערט דאך געווים פאלש. האט דער קרעמער זייא גיגעבין. האבין זייא גינומען. האבין זייא ניט גינומען. האט דער קרעמער זייא ניט גיגעבין (אלא הוא נוטל שלא בשבועה) נאר דער קרעמער נעמט פון שמעון דעם טאלער און אשבועה (והן נוטלין שלא בשבועה) אונ דיא פועלים נעמען אויך דעם טאלער פון שמעון אן אשבועת

אלו ואלו נוטלין בלא שבועה . ואין הלכה למוכרן . והלה טוען אלו הם הפירות שמכרת
כבן ננס : ן ונתן לו . והפירות לבורין ומונחים לי בדינר . הוחיל והלוקח מודה במקח והחנוני
ברשות הרבים ואין מוחזק בהן לא חנוני ולא כופר שלא מכר את אלו . ישבע החנוני
בעה ב : ונתתו באונפלי. תיק העשוי למעות: שבועה כעין של תורה ויטול : ר' יהודה

והן נוטלין שלא בשבועה: ן אמר לחנוני תן לי בדינר פירות . ונתן לו . א"ל תן לי את הדינר. א"ל נתתיו לך ונתתו באונפלי . ישבע בעל הבית. נתן לו הדינר. אמר לו תן לי את הפירות. א"ל נתתים לך. והולכתן לתוך ביתך. ישבע חנוני . ר' יהודה אומר כל שהפירות בידו. ידו על העליונה. אמר לשולחני תן לי בדינר

ישבע בע"ה . שבועה כעין ש תורה ויטול . דכיון דחנוני מודה שמכר . והפירות הם שלו לחנותו . בעל הבית נשבע ונוטל : א"ל נתתים לך והולכתן לתוך ביתך. ואלו הפירות הלבורין ומונחים שלי הם . שמתחי כאן

אומר וכו'. ר"י אסיפא פליג . ואמר דבין בזו בין בזו בע"ה נשבע ונוטל . דכיון שהפירות הם תוך לחנות הוי כאלו הפירות הם ביד בעה"ב. וכל שהפירות בידו. ידו על העליונה. והוא נשבע ונוטל : אמר לשולחני וכו' .

---

עיין תי"ט : ן (אמר לחנוני תן לי בדינר פירות) ראובן האט גיזאגט צוא אקרעמער גיב מיר פאר אגילדין פירות (ונתן לו) אונ ער האט אים גיגעבין . אונ ראובן האט גינומען די פירות אונ האט זייא ארויס גיטראגין אין גאס . אונ האט זייא דארט גילייגט אויף דיא ערד אדער אויף איין אנדער הפקר זאך (אמר לו) זאגט דער קרעמער צוא ראובן (תן לי את הדינר) גיב מיר דעם גילדען (אמר לו) זאגט ראובן צום קרעמער (נתתיו לך ונתתו באונפלי) איך האב דיר גיגעבין דעם גילדען אונ דוא האסט אים אריין גילייגט אין דעם קעסטיל חוא דוא האלטסט דיין געלט וואס דוא לייזט אין קראם (ישבע בעל הבית) זאל דער בעל הבית שווערין אז עס איז אמת אז ער האט אים דאס געלט גיגעבין . אונ ער זאל נעמען די פירות (נתן לו את הדינר) אויב דער בעל הבית האט שוין גיגעבין צום קרעמער דעם גילדין (אמר לו תן לי את הפירות) זאגט דער בעל הבית צום קרעמער גיב מיר פירות פאר דעם גילדין (אמר לו) זאגט דער קרעמער צום בעל הבית (נתתים לך והולכתם לתוך ביתך) פירות האב איך דיר שוין לאנג גיבארגט אן געלט אונ האסט זייא אוועק גיטראגין צו זיך אהיים . איצט האסטו מיר דעם גילדין בצאהלט פאר דיא פירות אונ דיא פירות וואס ליגט אין גאס פאר דער קראם . דאס האב איך ארויס גילייגט צום פאר קויפין . אונ דער בעל הבית זאגט איך האב בייא דיר קיין מאהל ניט גיבארגט . נאר איצט בין איך גיקומען קויפין פירות פאר געלט . אונ האב דיר גיגעבין דעם גילדין אונ גיב מיר דיא פירות וואס ליגען אין גאס פאר דער קראם . ווארום דיא פירות האב איך גיקויפט . אונ האב זיי ארויס גילייגט פון קראם אין גאס איך זאל זייא אהיים נעמען (ישבע חנוני) זאל דער קרעמער שווערין אז דער גילדין קומט אים אחוב פאר דיא פירות וואס דער בעל הבית האט שוין בייא אים לאנג גיקויפט . אונ ער זאל נעמען דיא פירות פון גאס . רבי יהודה זאגט (כל שהפירות בידו ידו על העליונה) ווייל דיא פירות ליגען ניט אין קראם נאר אין גאס . איז גלייך וויא דער בעל הבית וואלט זייא גיהאלטין אין האנט . אונ דער וואס האלט דיא פירות אין האנט . איז זיין האנט פון הויכין . ווערין זייא גירעכענט וויא זיינע . זאל דא אויך דער בעל הבית שווערין אז ער האט אים גיגעבין דעם גילדען פאר דיא פירות . אונ זאל נעמען דיא פירות (אמר לשלחני תן לי בדינר מעות) ראובן האט גיזאגט צוא אחלפן

ואשמעינן תנא פלוגתא דר׳ יהודה ורבנן ונוטל. ולא איתמר בהא בהא קאמר ר״י בין במעות של שלחני. בין בפירות של חנוני. דלעולם בעה״ב נשבע ונוטל. מפני שאין דאי אשמועינן פלוגתייהו בחנוני ה״א בפירות השולחני עשוי ליתן האיסרים עד שיקח הדינר. אמרו רבנן דכי א״ל נתתים לך והשלכתן לתוך אבל בחנוני שהוא עשוי ליתן הפירות קודם כיסך ישבע החנוני ויטול. לפי שהחנוני עשוי ליתן פירות קודם שיקח הדינר. אבל בשולחני שאינו עשוי ליטול האיסרין קודם שיקח הדינר. אימא מודו ליה לר״י. דלעולם בעה״ב נשבע

מעות ונתן לו. א״ל תן לי את הדינר. א״ל נתתיו לך. ונתתו באונפלי. ישבע בעל הבית. נתן לו את הדינר. א״ל תן לי את המעות. אמר לו נתתים לך והשלכתם לתוך כיסך. ישבע שולחני. ר׳ יהודה אומר אין דרך שולחני ליתן איסר. עד שיטול דינרו: ז כשם שאמרו הפוגמת כתובתה לא תפרע

שיקח המעות. אימא מודה להו לרבנן. צריכא. ואין הלכה כר׳ יהודה: ז הפוגמת כתובתה. שמוציאה שטר כתובתה ומודה שנתקבלה מקצתה: לא תפרע אלא בשבועה. אם

אלא

---

וואס טאהשט געלט? גיב מיר פאר אגילדין קליין געלט (ונתן לו) אונ דער חלפן האט אים גיגעבין דיא קליין געלט. אונ דיא קליין געלט ליגען איצט אין נאס (אמר לו תן לי את הדינר) אונ דער חלפן זאגט צוא ראובן גיב מיר דעם גילדין (אמר לו) זאגט ראובן צוא אים (נתתיו לך) איך האב דיר דעם גילדין שוין גיגעבין (ונתתו באונפלי) אונ האסט אים אריין גילייגט אין דיין קעשטיל וואו דיין געלט ליגט (ישבע בעל הבית) זאל ראובן שווערין אז ער האט שוין גיגעבין דעם גילדין. אונ זאל נעמען דיא קלייגע געלט (נתן לו את הדינר) אויב דער בעל הבית האט שוין גיגעבין צום חלפן דעם גילדין (ואמר לו תן לי את המעות) זאגט דער בעל הבית צום חלפן גיב מיר דיא קליין געלט וואס ליגט אין נאס פאר דעם גילדין (אמר לו) זאגט דער חלפן צום בעל הבית (נתתים לך והשלכתם לתוך כיסך) קליין געלט האב איך דיר שוין לאנג גיגעבין אונ האסט זייא אריין גילייגט אין דיין ביטול. אונ דעם גילדען האסטו מיר בצאהלט פאר דיא קליין געלט וואס דוא האסט שוין לאנג גיבארגט. אונ דיא קליין געלט וואס ליגט אין נאס זענען מיינע. איך האב זייא ארוים גילייגט מען זאל וויסען אז דא טאהשט מען געלט. אונ דער בעל הבית זאגט איך האב ביי דיר קיין מאהל גיט גיבארגט קליין געלט. נאר איצט בין איך גיקומען טאהשין אונ האב דיר גיגעבין דעם גילדין אונ גיב מיר דיא קליין געלט וואס ליגען אין נאס. ווארום דיא קליין געלט האב איך גילייגט אין נאס איך זאל זייא נעמען (ישבע שולחני) זאל דער חלפן שווערין אז דער גילדין קומט אים אהוב פאר דיא קליין געלט וואס דער בעל הבית האט שוין ביא אים לאנג גינומען. אונ ער זאל נעמען דיא קליין געלט פון נאס. רבי יהודה זאגט (אין דרך שולחני ליתן איסר עד שיטול דינרו) עס איז ניט דער שטייגער פון אחלפן ער זאל געבין קליין געלט איידער מען גיט אים דעם גילדין. דריבער זאל דער בעל הבית שווערין אז ער הט נגעבין דעם גילדין פאר דיא קליין געלט וואס ליגט אין נאס. אונ זאל נעמען דיא קליין געלט: ז (כשם שאמרו הפוגמת כתובתה לא תפרע אלא בשבועה) אזוי וויא מען האט גיזאגט אויב אאשה מאנט דיא כתובה. אונ זיא אליין זאגט אז אביסול האט זיא שוין אפ גינומען פון דיא כתובה אונ זיא מאנט דאס איבעריגע. אונ דער מאן זאגט ער האט איר שוין בצאהלט דיא גאנצע כתובה. זאל זיא ניט אפ נעמען דיא איבעריגע געלט פון

הוגן שכבר נתקבלה טולה: עד אחד אומר וכו'. ומנכסים משועבדים ומנכסי יתומים. ונפרעת שלא בפניו. כולהו אכתם קיימי. כהם שאין אחד מאלו נפרע אלא בשבועה כך היתומים אינם נפרעים אלא בשבועה: יתומים. שנפרעים מן היתומים לא יפרעו אלא בשבועה. ומיירי מתני' כגון שאלו היתומים שבאים להפרע מכן אומרים אין אנו יודעים אם פרע אבינו זה החוב. אם לא. אבל אם טענו אמר לנו אבינו שלא לוה

יכולים להכחיש העדים שמעידים שאביהם לוה ממנו את אלו. ולא שנו דבשבועה מיהת שקלי יתומים מן היתומים אלא שמת מלוה בחיי לוה אבל מת לוה בחיי מלוה כבר נתחייב מלוה שבועה לבני לוה שלא נתקבל כלום שהנפרע מן היתומים אפילו בשטר צריך שבועה ואין אדם מוריש ממון שהוא חייב עליו שבועה לבניו לפי שאין הבנים יכולים לישבע שבועה שנתחייב אביהם. והא פ שכן הדין אם דיין א' הן שישבעו היתומי' שבוע'

אלא בשבועה. ועד אחד מעידה שהיא פרועה לא תפרע אלא בשבוע'. מנכסים משועבדים. ומנכסי יתומים. לא תפרע אלא בשבועה. והנפרעת שלא בפניו. לא תפרע אלא בשבועה. וכן היתומים לא יפרעו אלא בשבועה. שבועה שלא פקדנו אבא. ולא אמר לנו אבא. ושלא מצינו בין שטרותיו של אבא ששטר זה פרוע. רבי יוחנן בן ברוקה אומר אפילו נולד הבן לאחר מיתת האב הרי זה נשבע ונוטל.

כמעות כללו ולא נתחייב בחוב זה מעולם. שלא פקדנו אבא ויפרעו ממון היתומים הכי היתומים שמוליכים שבע"ח על היתומים שההדים בשבועה זו מה שעשוי עשוי: שלא סללו נפרעין מהן שלא בשבועה. שכל האומר פקדנו אבא בשעת מיתה ושלא אמר לנו לא לויתי. כאומר לא פרעתי דמי. והם אינם קודם לכן שהשטר זה פרוע: הרי זה נשבע.

---

דיא כתובה. סיידין זיא זאל שווערין (ועד אחד מעידה שהיא פרועה לא תפרע אלא בשבועה) אונ אזוי וויא מען האט גיזאגט אויב דיא אשה מאגט דיא גאנצע כתובה. אונ דער מאן זאגט ער האט אין גאנצין בצאהלט. אונ איין עדות זאגט אויך אז דער מאן האט איר אין גאנצין בצאהלט. זאל זיא ניט אפ געמען דיא כתובה סיידין זיא זאל שווערין (מנכסים משועבדים) אונ אזוי וויא מען האט גיזאגט אז זיא קומט געמען דיא כתובה פון פאר קויפטע פעלדער מוז זיא אויך שווערין (ומנכסי יתומים) אונ אזוי וויא מען האט גיזאגט אז זיא קומט געמען דיא כתובה פון יתומים ודער מאן איז גישטארבין (לא תפרע אלא בשבועה) זאל זיא ניט אפ געמען דיא כתובה סיידין זיא זאל שווערין (והנפרעת שלא בפניו) אונ אזוי וויא מען האט גיזאגט אז זיא קומט געמען דיא כתובה פון דעם מאנס פאר מעגין. אונ דער מאן איז נישטא. ער איז אוועק ווייט (לא תפרע אלא בשבועה) זאל זיא ניט אפ געמען די כתובה סיידין זיא זאל שווערין (וכן היתומים לא יפרעו אלא בשבועה) אזוי אז יתומים קומען אפ געמען אחוב פון יתומים. זאלין זייא ניט געמען. ס'ידין זייא שווערין. וואס זאלין זייא שווערין (שבועה שלא פקדנו אבא) אז אונזער פאטער האט אונז ניט גיזאגט פאר זיין שטארבין אז דער וועקסיל איז בצאהלט (ושלא אמר לנו אבא) אונ דער פאטער האט אונז ניט גיזאגט ווען ער איז גיזונט גיוועזן אז דער וועקסיל איז בצאהלט (ושלא מצינו בין שטרותיו של אבא ששטר זה פרוע) אונ מיר האבין ניט גיפונען צווישען דיא וועקסלען פון אונזער פאטער קיין געשריבען פאפיר אז דער וועקסיל איז בצאהלט. רבי יוחנן בן ברוקה זאגט (אפילו נולד הבן לאחר מיתת האב) אפילו דער זוהן איז גיבארין גיווארין דער נאך וויא דער פאטער איז גישטארבין (הרי זה נשבע ונוטל) זאל ער שווערין

ארשב"ג אם יש עדים שאמר האב בשעת מיתתו שטר זה אינו פרוע הוא נוטל שלא בשבועה: ח ואלו נשבעים שלא בטענה. השותפין. והאריסין. והאפוטרופין. והאשה הנושאת והנותנת בתוך הבית. ובן הבית. אמר לו מה אתה טוענני. רצוני שתשבע לי חייב. חלקו השותפין

שלא מצא בין שטרותיו של אביו שהשטר זה פרוע וכן הלכה: רבן שמעון בן גמליאל אומר. והלכה כרשב"ג: ח שלא בטענה. שלא בטענת ברי אלא בטענת שמא (שטוענו) שמא עכבת משלי. ומשום דכל הני מורו היתר לעצמם לפי שטורחו בנכסים משום הכי רמו רבנן שבועה על הן: והאפוטרופסים. שנתעסקו בממון אדם לחכמים ולהוציא ולישא וליתן אבל באפוטרופוס של יתומים אם מנהו ב"ד ישבע. ואם אבי יתומים מנהו לא ישבע: והאשה הנושאת ונותנת בתוך הבית. שהושיבה בעלה חנונית או אפוטרופא על נכסיו: ובן הבית. אחד מן האחין שנתעסק בנכסים מחמת אביהן: חלקו. ולא

אז ער האט ניט געפונען צווישען די וועקסלען פון פאטער קיין געשריבען פאפיר אז דער וועקסיל איז בצאהלט. אונ נעמט אפ דעם חוב (אמר רבן שמעון בן גמליאל) האט רבן שמעון בן גמליאל גיזאגט (אם יש עדים שאמר האב בשעת מיתתו שטר זה אינו פרוע) אויב עס איז דא עדות אז דער פאטער האט גיזאגט פאר זיין שטארבין דער וועקסיל איז ניט בצאהלט (הוא נוטל שלא בשבועה) נעמט ער דעם חוב גאר אן אשבועה: ח (ואלו נשבעין שלא בטענה) אונ די מענטשין דארפין שווערין אפילו מען מאנט זייא ניט א יף געוויס אז עס קומט פון זייא. נאר טאמער קומט פון זייא. מוזין זייא שווערין אז עס קומט ניט פון זייא (השותפין) מענטשין וואס האבין גיהאנדילט בשותפות. קען איינער מאנען בייא דעם אנדערין ער זאל שווערין טאמער איז בייא אים געבליבען עפעס פון שותפות (והאריסין) אז איינער האט גינומען אמענטשין צוא זיין פעלד ער זאל איר אקערין אונ זייען אונ שניידין די תבואה. אונ זאלין הידע צוא טיילין די תבואה. קען דער בעל הבית מאנען ביי דעם ארים ער זאל שווערין טאמער האט ער גינומען מער וויא ער דארף נעמען (והאפטרופין) אדער איינער האט גינומען אמענטשין ער זאל פירען זיין האנדיל. קען דער בעל הבית מאנען דעם מענטשין. ער זאל שווערין טאמער האט ער גינומען וואס ער האט ניט גידארפט נעמען (והאשה הנושאת והנותנת בתוך הבית) אונ אאשה וואס האנדילט מיט איר מאנס פאר מעגין. אין שטוב אדער אין אקראם. קען דער מאן זאגין זיא זאל שווערין טאמער האט זיא עפעס גיגנבת פון דעם האנדיל (ובן הבית) אויב איינער איז גישטארבין אונ האט גילאזין אפאר מעגין מיט קינדער. אונ איין קינד האנדילט מיט דעם גאנצין פאר מעגין פאר אלע ברידער. קענען די ברידער זאגין ער זאל שווערין. טאמער האט ער עפעס גינומען פון דעם פאר מעגין מער וויא זיין חלק דארף זיין (אמר לו מה אתה טוענני) אויב איינער פון די מענטשין פרעגט ביי זיין חבר וואס מאנסטו ביי מיר. ענטפערט ער אים איך מאן ביי דיר גאר נישט. נאר (רצוני שתשבע לי) איך וויל דוא זאלסט שווערין אז דוא האסט בייא מיר גאר ניט גיגנבת (חייב) מוז ער שווערין (ועיין ת"י) (חלקו השותפין והאריסין) אויב די שותפים האבין זיך צו טיילט מיט זייער האנדיל. אונ דער ארים האט זיך צוא טיילט מיט דעם בעל הבית די תבואה פון פעלד. אונ ווען זייא האבין זיך צו טיילט האט ניט גיזאגט איינער צום אנדערין ער זאל שווערין ואונ ווען דער אפטרופוס איז אוועק גיגאנגען פון דעם בעל הבית. האט דער בעל הבית ניט גיזאגט צום אפטרופוס ער זאל

ששביעוהו בשעת החלוקה. נתגלגלה לו שבועה. אלא אחרי כן מגלגלין גם את זו עליו ובלבד שמגלגלין בשבועת התורה ובשבוע' שהיא כעין של תורה כך מגלגלין בשבועת היסת: והשביעית משמטת את השבועה. לאו אהך שבועות דשותפין קאי דהא אין שביעית משמטת שותפות ולא שבועתה אלא מלוה ושבועתה היא משמטת:

פרק ח **ארבעה** שומרים הם. ודיניהן שלשה: נושא שכר. שומר בשכר: נשבע על הכל. שלא פשע: משלם את הכל. כל הך דתנין במתני' שבויה. ושבורה. ומתה. ונגנבה ואבדה. אבל מתה מחמת מלאכה. אינו משלם. דלאו לאוקמה בכילתא שאלה והמשכה הזאת מפורשת בהשוכר

והאריסין. אין יכול להשביעו. נתגלגלה לו שבועה ממקום אחר מגלגלין עליו את הכל. והשביעית משמטת את השבועה:

פרק ח **ארבעה** שומרין הן. שומר חנם. והשואל. נושא שכר. והשוכר. ש"ח נשבע על הכל. והשואל משלם את הכל. נושא שכר. והשוכר. נשבעין על השבורה. ועל השבויה. ועל המתה. ומשלמים

---

שווערין. אונ ווען דער מאן האט גיגעט זיין ווייב. האט ער גיט גיזאגט זיא זאל שווערין אונ ווען דיא ברידער האבען זיך צו טיילט האבין זייא ניט גיזאגט צוא דעם ברודער וואס האט גיהאנדילט ער זאל שווערין (אינו יכול להשביעו) קען שון ניט איינער דעם אנדערין בשווערין (נתגלגלה לו שבועה ממקום אחר) אויב עס האט גיטראפין אז שפעטער. ווען עס איז. דארף דער שותף שווערין צוא זיין חבר וועגין איין אנדער זאך. אדער דער אריס אונ דער אפטרופוס דארף שווערין צום בעל הבית וועגין איין אנדער זאך. אדער דיא אשת דארף שווערין צו איר מאן וועגין איין אנדער זאך. אדער דער ברודער וואס הט גיהאנדילט דארף שווערין צוא זיינע ברידער וועגין איין אנדער זאך (מגלגלין עליו את הכל) ווארפט מען ארויף אויף זייא דיא פריערדיגע שבועות אויך (והשביעית משמטת את השבועה) אויב ראובן האט גימאנט בייא שמעון הונדערט גילדין. אונ שמעון האט גיזאגט עס קומט נאר פופציג גילדין. דארף שמעון שווערין אויף פופציג גילדין אז עס קומט ניט. אונ פופציג גילדין דארף ער בצאהלין. אויב איידער ער האט בצאהלט אונ גישווארין. איז גיווארין שמטה. דארף ער ניט בצאהלין אונ ניט שווערין (עיין ת"ו):

פרק ח א (ארבעה שומרין הן) פיר ערלייא שומרים והיטערס: ווענען דא (שומר חנם) דער וואס היט אומזיסט (והשואל) אונ דער וואס בארגט (נושא שכר) אונ דער וואס גענעמט געלט פאר זיין היטען (והשוכר) אונ דער וואס דינגט (שומר חנם נשבע על הכל) דער וואס היט אומזיסט אויף אלע זאכין. וואס עס האט גיטראפין דיא בהמה וואס ער האט גיהיט. דארף ער נאר שווערין אז ניט דורך אים איז דאס גיווארין. אונ ער דארף ניט בצאהלין (והשואל משלם את הכל) אונ אז איינער בארגט בייא זיין חבר א בהמה. אויף אלע זאכין וואס עס האט גיטראפין דיא בהמה. דארף ער בצאהלין (נושא שכר והשוכר) אונ דער וואס היט א בהמה פאר געלט. אדער ער האט גידונגען א בהמה (נשבעין על השבורה ועל השבויה ועל המתה) אויב דיא בהמה איז צוא בראכין גיווארין. אדער זיא איז טבאנגען גיווארין. אדער זיא איז גיפייגערט. דארף ער נאר שווערין אז ניט דורך אים איז דאס גיווארין. אונ ער דארף ניט בצאהלין (ומשלמין את האבדה ואת הגנבה) אבער אז דיא בהמה איז פארלארין גיווארין אדער גיגנבת גיווארין. דארף ער בצאהלין

את האבדה. ואת הגנבה: ב אמר לשומר חנם. היכן שורי. אמר ומת. והוא שנשבר או נשבה או נגנב או אבד. נשבר. והוא שמת או נשבה או נגנב או אבד. נשבה. והוא שמת או נשבר או נגנב או אבד. נגנב. והוא שמת או נשבר או נשבה או אבד. אבד. והא שמת או נשבר או נשבה או נגנב. משביעך אני ואמר אמן פטור: ג היכן שורי. אמר לו איני יודע מה אתה סח. והוא שמת. או נשבר. או נשבה. או נגנב. או אבד. משביעך אני. ואמר

בהשוכר את הפועלים: ב ואמר אמן פטור. שאילו הודה לא היה משלם כלום. נמצא שאין כאן כפירת ממון. ואע"פ שנשבע לשקר. לא חייביה תורה קרבן שבועה. אלא היכא שכפרו ממון. וכן הדיין אינו יכול להשביע אלא על דבר שאם הודה היה חייב לשלם ממון: ג היכן שורי א"ל אבד. אמר לשומר

ב (אמר לשומר חנם היכן שורי) אויב דער בעל הבית זאגט צום שומר חנם ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר געגעבן צום היטען (אמר לו) זאגט דער שומר צום בעל הבית (מת) ער איז געפיגערט (והוא) אונ אין אמת איז דער אקס ניט געפיגערט (שנשבר) נאר ער איז צוא בראכין געווארין (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגבת געווארין (או נאבד) אדער ער איז פאר לארין געווארין (נשבר) אדער דער שומר חנם האט געענפערט צום בעל הבית דער אקס איז צוא בראכין געווארין (והוא) אונ אין אמת איז דער אקס ניט צוא בראכין געווארין (שמת) נאר ער איז געפיגערט (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגבת געווארין (או נאבד) אדער ער איז פאר לארין געווארין (נשבה) אדער דער שומר חנם האט געענפערט צום בעל הבית דער אקס איז געפאנגען געווארין (והוא) אונ אין אמת איז דער אקס ניט געפאנגען געווארין (שמת) נאר ער איז געפיגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין געווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגבת געווארין (או נאבד) אדער ער איז פאר לארין געווארין (נגנב) אדער דער שומר חנם האט געענפערט צום בעל הבית דער אקס איז גינגבת געווארין (והוא) אונ אין אמת איז דער אקס ניט גינגבת געווארין (שמת) נאר ער איז געפיגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין געווארין (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (או נאבד) אדער ער איז פר לארין געווארין (נאבד) אדער דר שומר חנם הט געענפערט צום בעל הבית דר אקס איז פאר לארין געווארין (והוא) אונ אין אמת איז ער ניט פאר לארין געווארין (שמת) נאר ער איז געפיגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין געווארין (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגבת געווארין (משביעך אני) האט דער בעל הבית געזאגט צום שומר חנם איך בשווער דיך (ואמר אמן) האט דער שומר חנם געזאגט אמן (פטור) דארף ניט דער שומר חנם ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווארום מיט דיא שבועה האט ער אים ניט פאר לייקנט קיין געלט. ווארום אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער אויך ניט גידארפט בצאהלין: ג (היכן שורי) דער בעל הבית האט געזאגט צום שומר חנם ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר געגעבן צום היטען (אמר לו) זאגט דער שומר צום בעל הבית (איני יודע מה אתה סח) איך ווייס ניט וואס דוא רעדסט. דוא האסט מיר קיין מאהל ניט געגעבן דיין אקס צום היטען (והוא) אונ אין אמת האט דער שומר יא גינומען אאקס פון דעם בעל הבית צוא היטען (שמת) נאר דער אקס איז געפיגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין געווארין (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגבת געווארין (או נאבד) אדער ער איז פאר לארין געווארין (משביעך אני) האט דער בעל הבית געזאגט צום שומר חנם איך בשווער דיך

אם היכן שורי א"ל אבד: משביעך אני משלם כפל. דכתיב (שמות כב) אם לא ימצא ואמר אמן. וה"ה דיש מעידים אותו שאכלו הגנב. אם לא ימצא כמו שאמר. אלא שהוא משלם את הקרן ולא כפל. ואם הודה לו עצמו גנבו. ישלם שנים. אבל אם בא לפטור מעצמו עד שלא באו עדים. משלם קרן עצמו בטענת אבד אינו משלם כפל: הודה

וחומש ואשם כדין שבועת הפקדון דאיכא באשם עד שמודה וכן מרשעתו ובא להתכפר: א"ל נגנב משביעך אני וכו'. דשומר חנם הפוטר עצמו בטענת גנב ונשבע ובאו עדים ·

אמן. פטור. היכן שורי. אמר לו אבד. משביעך אני. ואמר אמן. והעדים מעידין אותו שאכלו. משלם את הקרן. הודה מעצמו. משלם קרן. וחומש. ואשם. היכן שורי אמר לו נגנב. משביעך אני ואמר אמן. והעדי' מעידין אותו שגנבו. משלם תשלומי כפל. הודה מעצמו. משלם קרן. וחומש. ואשם: ד אמר לאחד בשוק היכן שורי שגנבת. והוא אומר לא גנבתי. והעדים מעידין אותו שגנבו. משלם תשלומי כפל. טבח ומכר.

מעצמו משלם קרן וחומש ואשם. אבל כפל לא דמודה בקנס פטור: ד אמר לאחד מן השוק וכו'. הכא לא גרסינן משביעך אני. דהא בלא שבועה מחייב כפל. בזה גנב

---

ואמר אמן) האט דער שומר חנם גיזאגט אמן (פטור) דארף ניט דער שומר חנם ברענגען א קרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווארום מיט דיא שבועה האט ער אים ניט פארלייקנט קיין געלט. ווארום אז ער וואלט גיזאגט דעם אמת וואלט ער אויך ניט גידארפט בצאהלין (היכן שורי) דער בעל הבית האט גזאגט צום שומר חנם ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר גיגעבן צום היטען (אמר לו) זאגט דער שומר צום בעל הבית (נאבד) ער איז פאר לארן גיווארין (משביעך אני) האט דער בעל הבית גיזאגט צום שומר חנם איך בשווער דיך (ואמר אמן) האט דער שומר חנם גיזאגט אמן (והעדים מעידין אותו שאכלו) אונ צווייא מענטשין זאגין עדות אז דער שומר האט אויף גיגעסן דעם אקס (משלם את הקרן) דארף דער שומר בצאהלין צום בעל הבית דעם קרן. וויא פיל דער אקס איז ווערט גיוועזן (הודה מעצמו) אויב נאך דיא שבועה האט דער שומר אליין מודה גיוועזן אז ער האט אויף גיגעסן דעם אקס (משלם קרן וחומש ואשם) דארף ער בצאהלין וויא פיל דער אקס איז ווערט גיוועזן. אונ נאך א פינפטיל מעהר. אונ דארף ברענגען א קרבן אשם אויף דיא שבועה (היכן שורי) דער בעל הבית האט גיזאגט צום שומר חנם ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר גיגעבן צוא היטען (אמר לו) זאגט דער שומר צום בעל הבית (נגנב) ער איז גיגנבת גיווארין (משביעך אני) האט דער בעל הבית גיזאגט צום שומר חנם איך בשווער דיך (ואמר אמן) האט דער שומר חנם גיזאגט אמן (והעדים מעידין אותו שגנבו) אונ צווייא מענטשין זאגין עדות אז דער שומר אליין האט גיגנבת. דער אקס איז בייא אים אין הויף (משלם תשלומי כפל) דארף דער שומר בצאהלין צווייא אקסין (הודה מעצמו) אויב נאך דיא שבועה האט דער שומר אליין מודה גיוועזן אז ער האט גיגנבת דעם אקס (משלם קרן וחומש ואשם) דארף ער בצאהלין וויא פיל דער אקס איז ווערט גיוועזן. אונ נאך א פינפטיל מעהר. אונ דארף ברענגען א קרבן אשם אויף דיא שבועה: ד (אמר לאחד בשוק היכן שורי שגנבת) ראובן האט גיזאגט צוא איינעם אין גאס (צוא שמעון) ווא איז מיין אקס וואס דוא האסט גיגנבת (והוא אומר) אונ שמעון זאגט (לא גנבתי) איך האב ניט גיגנבת (והעדים מעידין אותו שגנבו) אונ צווייא מענטשין זאגין עדות אז ער הט גיגנבת (משלם תשלומי כפל) דארף ער בצאהלין צווייא אקסין (טבח ומכר) אז שמעון האט פאר קויפט אדער גישאכטין דעם אקס (משלם

תשלומי

משלם תשלומי ד׳ וה׳. ראה עדים שממשמשין ובאין אמר גנבתי. אבל לא טבחתי. ולא מכרתי. אינו משלם אלא קרן: ה אמר לשואל היכן שורי אמר לו מת והוא שנשבר או נשבה או נגנב או אבד. נשבר והוא שמת או נשבה או נגנב או אבד. נשבה. והוא שמת או נשבר או נגנב או אבד. נגנב. והוא שמת או נשבר או נשבה או אבד. אבד. והוא שמת או נשבר או נשבה או נגנב. משביעך אני ואמר אמן. פטור:

ממש הוא. ובגנב כתיב ישלם שנים ולא צריך שבועה: עדים שממשמשין ובאין רבותא אשמועינן דאע״ג דמחמת ביעתותא דעדים מודה. אפ״ה מהניא הודאה ונפטר מן הכפל. וכיון דליכא כפל. פטור אף מן הטביחה שהכפל בה: ובאו עדים שגנב וטבח ומכר. דכל היכא דליכא כפל. ליכא חיוב טביחה. דתשלומי ארבעה וחמשה אמר רחמנא. ולא תשלומי שלשה וארבעה. וכיון דכפל ליכא. בציר ליה חד: ה אמר לשואל וכו׳ פטור. דסברי אף כשנשבע לשקר חייב את עצמו בתשלומין. ולאו בשבועה זו כפירת ממון.

תשלומי ארבעה וחמשה) דארף ער בצאהלן פינף אקסן און אויב דאס איז געווען א שעפס דארף ער בצאהלן פיר שעפסן. (ראה עדים שממשמשין ובאין) אויב שמעון האט געזעהן עדות קימען (אמר גנבתי אבל לא טבחתי ולא מכרתי) האט שמעון מודה געווען אז ער האט גיגנבת. נאר ער זאגט ער האט ניט גישאכטן און האט ניט פאר קויפט. אפילו דער נאך קומען עדות און זאגן ער האט גיגנבת און ער האט גישאכטן אדער פאר קויפט. פון דעכטמעגן (אינו משלם אלא קרן) בצאהלט ער נאר דעם אקס וואס ער האט גיגנבת ניט מעהר: ה (אמר לשואל היכן שורי) ראובן האט גיזאגט צו שמעון ווא איז מיין אקס וואס דו האסט בייא מיר גיבארגט (אמר לו מת) זאגט שמעון צו ראובן דער אקס איז גיפייגערט (והוא) און אין אמת איז דער אקס ניט גיפייגערט (שנשבר) נאר ער איז צו בראכן גיווארן (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארן (או נגנב) אדער ער איז גיגנבת גיווארן (או נאבד) אדער ער איז פאר לארן גיווארן (נשבר) אדער שמעון האט גיזאגט צו ראובן דער אקס איז צו בראכן גיווארן (והוא) און אין אמת איז דער אקס ניט צו בראכן גיווארן (שמת) נאר ער איז גיפייגערט (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארן (או נגנב) אדער ער איז גיגנבת גיווארן (או נאבד) אדער ער איז פאר לארן גיווארן (נשבה) אדער שמעון האט גיזאגט צו ראובן דער אקס איז גיפאנגען גיווארן (והוא) און אין אמת איז דער אקס ניט גיפאנגען גיווארן (שמת) נאר ער איז גיפייגערט (או נשבר) אדער ער איז צו בראכן גיווארן (או נגנב) אדער ער איז גיגנבת גיווארן (או נאבד) אדער ער איז פאר לארן גיווארן (נגנב) אדער שמעון האט גיזאגט צו ראובן דער אקס איז גיגנבת גיווארן (והוא) און אין אמת איז דער אקס ניט גיגנבת גיווארן (שמת) נאר ער איז גיפייגערט (או נשבר) אדער ער איז צו בראכן גיווארן (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארן (או נאבד) אדער ער איז פארלארן גיווארן (נאבד) אדער שמעון האט גיזאגט צו ראובן דער אקס איז פארלארן גיווארן (והוא) און אין אמת איז דער אקס ניט פארלארן גיווארן (שמת) נאר ער איז גיפייגערט (או נשבר) אדער ער איז צו בראכן גיווארן (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארן (או נגנב) אדער ער איז גיגנבת גיווארן (משביעך אני) האט ראובן גזאגט צו שמעון איך בשווער דיך (ואמר אמן) האט שמעון גיזאגט אמן (פטור) דארף ניט שמעון ברייגען א קרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווארום מיט דיא שבועה האט ער ניט פארלייקנט קיין געלט. אז ער וואלט גיזאגט דעם אמת וואלט ער גידארפט

ה חייב. שהרי כפר ממון שאילו הודה היה מתחייב: מת והוא נשבר וכו' פטור. שאם הודה לא היה משלם וכן נגנב. והוא שאבד. או אבד. והוא שנגנב. פטור. שהרי היה מחוייב לחוכה. ולא כפר ממון בשבועה זו: אמר לו אבד. או נגנב הוא שמת או נשבה.

ו היכן שורי. אמר לו איני יודע מה אתה סח. והוא שמת. או נשבר. או נשבה. או נגנב. או אבד. משביעך אני. ואמר אמן. חייב. אמר לנושא שכר. והשוכר. היכן שורי. אמר לו מת. והוא שנשבר או נשבה. נשבר. והוא שמת או נשבה. נשבה. והוא שמת או נשבר. נגנב. והוא שאבד. אבד. והוא שנגנב. משביעך אני. ואמר אמן פטור. מת או נשבר. או נשבה.

בצאהלין. אונ אז ער זאגט אליגען דארף ער אויך בצאהלין: ו (היכן שורי) ראובן האט גיזאגט צוא שמעון ווא איז מיין אקס וואס דוא האסט ביא מיר גיבארגט (אמר לו) האט שמעון גיזאגט צוא ראובן (איני יודע מה אתה סח) איך וויס ניט וואס דוא רעדסט. דוא האסט מיר קיין מאהל ניט גיבארגט דיין אקס (והוא) אונ אין אמת האט ער יא גיבארגט (שמת) נאר דער אקס איז גיפיינגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין גיווארין (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארין (או נגנב) אדער ער איז גינגנבת גיווארין (או נאבד) אדער ער איז פארלארין גיווארין (משביעך אני) האט ראובן גיזאגט צוא שמעון איך בשווער דיך (ואמר אמן) האט שמעון גיזאגט אמן (חייב) דארף שמעון ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווארום מיט זיין שבועה האט ער דאך אים פארלייקנט געלט. אז ער וואלט גיזאגט דעם אמת וואלט ער דאך גידארפט בצאהלין (אמר לנושא שכר והשוכר היכן שורי) ראובן זאגט צוא שמעון ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר גיגעבין דוא זאלסט אים היטען. אונ איך האב דיר בצאהלט פאר דעם היטען. אדער ראובן זאגט צוא שמעון ווא איז מיין אקס וואס איך האב דיר פארדונגען (אמר לו) זאגט שמעון צוא ראובן (מת) ער איז גיפיינגערט (והוא) אונ אין אמת איז ער ניט גיפיינגערט (שנשבר) נאר ער איז צוא בראכין גיווארין (או נשבה) אדער גיפאנגען גיווארין (נשבר) אדער שמעון האט גיענפערט דער אקס איז צוא בראכין גיווארין (והוא) אונ אין אמת איז ער נישט צוא בראכין גיווארין (שמת) נאר ער איז גיפיינגערט (או נשבה) אדער ער איז גיפאנגען גיווארין (נשבה) אדער שמעון האט גיענפערט דער אקס איז גיפאנגען גיווארין (והוא) אונ אין אמת איז ער נישט גיפאנגען גיווארין (שמת) נאר ער איז גיפיינגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין גיווארין ביא דיא אלע זאכין האט ער ניט פארלייקנט קיין געלט. אז ער וואלט זאגין דעם אמת וואלט ער ניט דארפין בצאהלין. אונ איצט אז ער זאגט אליגען דארף ער אויך ניט בצאהלין (נגנב) אדער שמעון האט גיענפערט דער אקס איז גינגנבת גיווארין (והוא) אונ אין אמת איז ער ניט גינגנבת גיווארין (שנאבד) נאר ער איז פארלארין גיווארין (נאבד) אדער שמעון האט גיענטפערט דער אקס איז פארלארין גיווארין (והוא) אונ אין אמת איז ער ניט פארלארן גיווארין (שנגנב) נאר ער איז גינגנבת גיווארין ביא דיא טענה פון נגנב אונ נאבד האט ער אויך ניט פארלייקנט קיין געלט. אז ער וואלט זאגין דעם אמת וואלט ער דארפין בצאהלין אונ איצט אז ער זאגט אליגען דארף ער אויך בצאהלין (משביעך אני) או ב ראובן זאגט צוא שמעון איך בשווער דיך (ואמר אמן) אונ שמעון האט גיזאגט אמן (פטור) דארף ניט שמעון ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווייל ער האט ניט פארלייקנט קיין געלט (מת) אויב שמעון האט גיענפערט צוא ראובן דער אקס איז גיפיינגערט (או נשבר) אדער ער האט גיענפערט דער אקס איז צוא בראכין גיווארין (או

שבה

**והוא שנגנב. או אבד. משביעך אני.** פטור שהרי סיים מפטור לחובה. והפסיד
**ואמר אמן. חייב. אבד. או נגנב.** בשבועתו:
**והוא שמת. או נשבר. או נשבה. משביעך אני ואמר אמן. פטור. זה הכלל. כל המשנה מחובה לחובה. ומפטור לפטור. ומפטור לחובה פטור. מחובה לפטור. חייב. (זה הכלל. כל הנשבע להקל על עצמו חייב. להחמיר על עצמו. פטור):**

סליק מסכת שבועות

---

נשבה) אדער ער האט געענטפערט דער אקס איז געפאנגען געווארין (והוא) אונ אין אמת (שנגנב) איז דער אקס גיגנבת געווארין (או נאבד) אדער ער איז פארלארין געווארין (משביעך אני) אונ ראובן זאגט צוא שמעון איך בשווער דיך (ואמר אמן) אונ שמעון האט געזאגט אמן (חייב) דארף שמעון ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווייל ער הט פארלייקענט געלט. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער גידארפט בצאהלין. אונ מיט דעם ליגען האט ער געוואלט פטור זיין צוא בצאהלין (נאבד) אבער אז שמעון האט געענטפערט צוא ראובן דער אקס איז פארלארין געווארין (או נגנב) אדער ער האט געענטפערט דער אקס איז גיגנבת געווארין (והוא) אונ אין אמת (שמת) איז דער אקס געפייגערט (או נשבר) אדער ער איז צוא בראכין געווארין (או נשבה) אדער ער איז געפאנגען געווארין (משביעך אני) אונ ראובן זאגט צוא שמעון איך בשווער דיך (ואמר אמן) אונ שמעון האט געזאגט אמן (פטור) דארף ניט שמעון ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה. ווייל ער האט ניט פאר לייקענט קיין געלט. נאר ער האט זיך פארשולדיגט צוא בצאהלין געלט. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער ניט דארפין בצאלין. אונ איצט אז ער האט געזאגט אליגען דארף ער יא בצאלין (זה הכלל) דאס איז דער כלל פון דעם דין (כל המשנה) דער וואס ענדערט מיט זיין שבועת (מחובה לחובה) פון שולדיג זיין צוא שולדיג זיין. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער גידארפט בצאהלין. אונ איצט אז ער זאגט ליגען דארף ער אויך בצאהלין (ומפטור לפטור) פון ניט שולדיג זיין צוא ניט שולדיג זיין. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער ניט גידארפט בצאהלין. אונ איצט אז ער זאגט דעם ליגען דארף ער אויך ניט בצאהלין (ומפטור לחובה) אונ פון ניט שולדיג זיין צוא שולדיג זיין. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער ניט גידארפט בצאהלין. אונ איצט אז ער האט געזאגט אליגען דארף ער בצאהלין (פטור) דארף ער ניט ברענגען אקרבן אויף די פאלשע שבועה (מחובה לפטור) אבער אז ער ענדערט פון שולדיג זיין צוא ניט שולדיג זיין. אז ער וואלט געזאגט דעם אמת וואלט ער גידארפט בצאהלין. אונ איצט אז ער זאגט אליגען דארף ער ניט בצאהלין (חייב) דארף ער ברייגגען אקרבן אויף דיא פאלשע שבועה (זה הכלל) דאס איז דער כלל ביא דעם דין (כל הנשבע להקל על עצמו) אז ער שווערט פאלש אויף זיך גרינג צו מאכין, ער וואלט גידארפט בצאלין. שווערט ער ער זאל ניט דארפין בצאהלין (חייב) דארף ער ברייגגען אקרבן אויף די שבועה (להחמיר על עצמו) אבער אז ער שווערט פאלש אויף זיך שווער צוא מאכין. ער וואלט ניט גידארפט בצאהלין. שווערט ער ער זאל יא דארפין בצאהלין (פטור) דארף ער ניט ברייגגען אקרבן אויף די שבועה (עתי״ט ות״י):